STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05524

DI TOYRE FARTAYTSHT

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible
by Shirley Magidson
in memory of
Mr. & Mrs. Louis Zweig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די תורה פארטײטשט

די תורה פארטייטשט

ערשטער בוך

בראשית

פון

דר. יצחק אונטערמאַן

Printed in the U. S. of America
By The Federal Press,
406 Vine St.,
Philadelphia, Pa.
28

ביז איצט דערשינענע ביכער

אידיש

אידישע און אלגעמיינע דערציאונג, שיקאגא 1916

פון די שחיטה שטעדט, ניו יארק 1928

געשיכטע פון אידן אין ניו דזשוירזי, דריי בענד, נוארק 1935

אונזערע ימים טובים, צוויי בענד, פילאדעלפיע 1936

די אידישע נביאים, צוויי בענד, פילאדעלפיע 1938

רש״י, פילאדעלפיע 1940

העבראיש

מעשיות לילדים, 9 כרכים, ווארשא, 1921

ענגליש

The Feast of Esther, Chicago, 1918

Graphic Portraits, Newark, 1918

The Jewish Holidays, 2 Volumes, Phila., 1940

Jewish Youth in America, Phila., 1942

JEWISH EDUCATION

ס׳איז פארבאטן איבערצודרוקן אדער איבערצוזעצן טיילווייז
אדער אין גאנצן אָן דער דערלויבעניש פון מחבר.

Copyright 1944
By Dr. Isaac Unterman,
Philadelphia, Pa.

מיט ליבשאפט געווידמעט מיינע קינדער:
טעאדאר הרצל, בן ציון, בתיה אסתר און ישראל.

Address of the Author:
Dr. I. Unterman,
208 S. 8th St.,
Philadelphia, Pa.

אַ רי י נ פ י ר

אַלע פעלקער האָבן זייערע אייגענע אידיאָמען, אַזעלכע פּאָלקס-און-שפּראַך- אויסדרוקען, וואָס לאָזן זיך באַין אופן ניט איבערזעצן אין אַ פרעמ-דן לשון. די דאָזיקע אויסדרוקן רעפּרעזענטירן אַן אינטימען פּאָלקס-באַגריף און אייגנאַרטיקע לעבנס-פאָרם, אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלט ווענדליק דעם נאַציאָנאַל-פּסיכאָלאָגישן מהות און כאַראַקטער.

די אידיאָמאַטישע אויסדרוקן זיינען די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַל-קול-טורעלע אוצרות, און ווען מ'איבערזעצט זיי אין אַ פרעמדער שפּראַך ווערט דער אינהאַלט, דער תוכן און תמצית, די קערנדיקייט און שפּרודלדיקייט, פאַרפלאַכט און פאַרלאָרן.

איינער פון די דאָזיקע אויסדרוקן, איז בלי ספק דער וואָרט „תורה". דער איד, אפילו דער ניט-געלערנטער, באַגרייפט אין דעם עפּעס אַזוינס וואָס דער ניט-איד קאָן ניט משיג זיין. אַ סך פאַרשטייען אינם וואָרט אַזוינס וואָס האָט אַ שייכות מיט לערע, געזעץ, לערנען און מצוות. באמת אָבער פאַרשטייט דער איד דארין אַ סך מערער. ביים אידן איז דער דאָזיקער וואָרט צונויפגעקניפּט און צונויפגעבונדן מיטן באַגריף פון געטלעכער קדושה, מיט משה רבנו און הר סני, מיט די נביאים און כתובים, מיט דעם תלמוד און מדרשים, מיט אידישקייט און געשיכטלעכקייט. ווען אַ באַוואוסטזיניקער איד טראַכט וועגן דער תורה, דערפילט ער אין אַלע זיינע חושים אַלערליי אידייען אַסאָציאַציעס, קאַמפן און ליידן, גלגולים און פורעניות'ן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די פילע דורות. דער ניט-איד קאָן דאָס דאָזיקע ניט דערפילן, פונקט ווי ער קאָן ניט דערפילן דעם טעם פון שבת'דיקן טשאָ-לענט, להבדיל.

ווען דער סאַמע פשוט'סטער איד דערטראַכט זיך צום געדאַנק פון תורה, לעבט אין אים תיכף אויף די שבת'דיקע נשמה יתירה און דערזעט

פאר זיך גאר די סודות'דיקע מקורות פון דער יצירה, וועלכע שטראמען מיט בסדר'דיקער קדושה און טהרה, מיט אידישער דערהויבנקייט און אידישע אידייאישקייט.

מיט דער תורה האט דער איד נית בלויז זיך דערהויבן צו א גאר הויכער מדרגה, נאר איז אפילו אריבערגעוואקסן די וועלט־ציוויליזאציע און מאראל „מיט די אקסלען און העכער". די תורה איז דער סאמע וויכטיק־סטער דאקומענט פון מענשלעכן פראגרעס; אין דער תורה געפינט זיך דער גאנצער וועלט־אוצר פון וויסן און רעכט.

ווערליק דער אויפפאסונג פון די בעלי מדרש, איז די תורה די נשמה פון גאר דער מענשהייט, און צוליב דער תורה איז די וועלט באשאפן גע־ווארן. דאריבער איז דער איד דער אור לגויים, דאס ליבט פון די פעלקער, ווארן לעת עתה איז בלויז דער איד דער טרעגער פון דער תורה־קולטור. אויפן הויך פון דער תורה איז געשטאנען בלויז און נאר דאס אידישע פאלק, און דער בארג סני איז געווען דער מקור פון וועלכן די נביאים האבן געקראגן זייער השפעה און געצויגן די יניקה פאנאנדערצושפרייטן זייערע אדלער־פליגלען און זיך א הויב צו טאן צו די העכסטע הויכן.

די גמרא (שבת פ"ח) זאגט: גאט האט אויסגענומען א תנאי מיט דעם וועלט־באשאף און געזאגט: וועלן די אידן מקבל זיין די תורה, וועט דער באשאף האבן א קיום; אויב אבער ניט, וועל איך דעם וועלט־באשאף צוריקקערן צו זיין תהו ובהו'דיקן מצב.

דער מדרש (בראשית רבה פ"א) זאגט: אזוי ווי דער ארביטעקט האט תמיד פאר זיך די אנגעצייכנטע פלענער, אזוי קוקט גאט, כביכל, אריין אין דער תורה און באשאפט די וועלט.

דער איד איז ממש א וועלט־נויטווענדיגקייט, ווארן זה ספר תולדות האדם — די תורה איז די געשיכטע און אנטוויקלונג פון גאר דער מענשהייט, פון יעדער מענשלעכער טאט, פון יעדן מענשלעכן ווארט, פון יעדן מענש־לעכן געדאנק. די גאנצע מענשלעכע קולטור איז אן איבערזעצונג פון אי־דישן תורה־אינהאלט. די וועלט איז פאקטיש אידנטום, אבער בלויז אויי־בערפלעכלעך, בלויז פארפוצט אין א פראק און צילינדער כדי ניט צו בא־וויזן די איבערגעניצעוועטקייט און פארפלאכטקייט. יש חכמה בגוים תאמין; יש תורה בגוים אל תאמין — אז ס'איז פאראן חכמה ביי די פעלקער, זאלסטו גלויבן; אז ס'איז פאראן תורה ביי זיי, זאלסטו ניט גלויבן.

דאָס האָזיקע איז באמת פשוט און לאָגיש. די גויים האָבן געוואוסט ווי אזוי אויפצונעמען אַלע שבע חכמות און זיי צו פארפלאַנצן אין לעבן: די מאָראל, עטישקייט און אידייאישקייט פון דער תורה, האָבן זיי אָבער עד היום ניט משיג געווען. ס'האָט זיי פשוט אויסגעפעלט די טיף־אינערלעך איבערגעלעבטע הייליקייט צו דערזען איר שטראַלנדיק ליכט.

בכדי צו באַרשטיין און משיג זיין די אמת'ן פון דער תורה, מוז מען פאַרמאָגן אַן אוצר מיט דורות'דיקער קדושה. מ'מוז זיין גע'טובל'ט אינם פייער פון אידישער מסירת נפש'דיקייט און קידוש השם: מ'מוז זיין עטיש ראַפינירט און פאַרמאָגן אמתע אהבת הבורא און אהבת הבריות. דערפאַר זאָגט די גמרא (סנהדרין נ"ט): גוי ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול — א גוי וואָס איז עוסק בתורה איז ווי דער כהן גדול.

דער איד איז בלויז דער טרעגער פון דער תורה, אָבער בעצם איז זי דאָס אייגנטום פון דער גאַרער וועלט. גאָט האָט אין זיין גרויסן חסד געגעבן די תורה צום אידן, בלויז כדי ער זאָל זיין דער גייסטיק־שעפערישער כח, דער רעפלעקטאָר און ליכט־וואַרפער. אין עצם אָבער איז די תורה דער ליכט־קוואַל פון גאַר דער וועלט, און יעדער איינער קאָן זיך וואַרעמען אין אירע שטראַלן.

ר' יצחק יעקב ריינעס, ז"ל, שרייבט אין זיין ספר „שערי תורה":

די תורה איז אונזער פאָלקס־נשמה, אונזער לעבנס־נערוו, אונזער בלוט וואָס פליסט אין אונזערע אָדערן. פונקט אזוי ווי דאָס בלוט וואָס איז אָנגעזאַפּט אין מענשלעכן גוף און צירקולירט אין זיינע אָדערן, איז דער מקור החיים, דער הויפּט־קוואַל וואָס גיט לעבנסקראַפט; אזוי איז די תורה איינגעזאַפּט אין אונזער פאָלקס־גוף, צירקולירט אין אַלע אונזערע אָדערן און איז דער הויפּט־קוואַל פון וועלכן מיר דערנערן זיך און דער־האַלטן דעם פאָלקס־קיום.

אין דער אידישער נשמה איז, קאָנטיק, תמיד געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט זיך געריסן צו דער תורה, און אָט דער האָזיקער „עפּעס אַזוינס" האָט זיך, משמעות, ניט געפונען אין דער נשמה פונם ניט־אידן. אפילו איצטער לעבט די תורה מיט און אין אונז. מיר פילן איר אין זיך, אין אונזער עצם וועזן, מיר אטעמען מיט איר און לעבן מיט איר.

דער מקור'דיקער תורה־געפיל איז פאַטענציעל לעבעדיק אפילו אין די וואָס זאָגן זיך בפירוש אָפּ דערפון; דער געפיל איז ביי זיי פשוט פאַר־

שלאָפן, באהאלטן און פארהילט אין כל־ערליי הינקנדיקע השגות; ס׳פעלט פשוט די תשוקה, דער באַגער זיך מיט איר צו עוסק׳ן.

די גמרא (עירובין נ״ד) זאָגט: די תורה איז געגליכן צו אַ תאינה וואָס כל זמן שאדם ממשמש בהם מוצא מהם טעם, בלויז ווען מ׳נעמט די תאינה אין מויל אריין, געפינט מען אין איר דעם טעם און געשמאַק. נאָך מערער: פייגן ווערן ניט מיטאמאָל צייטיק, נאָר יעדן טאָג צוביסלעך. כדי צו דערפילן דעם אמתן טעם פון דער תורה, מוז מען איר ממש טועם זיין און ניט איין איינציקן מאָל, נאָר יעדן טאָג און טאָג.

די דאָזיקע וואָס האָבן בלויז אַ בענקשאַפט און פאַרערונג אָבער זיינען זיך מיט דער תורה ניט עוסק, זיינען געגליכן צו דער הון וואָס שאַרט פון זיך אַוועק אַ געפונענעם פערל און קלייבט אויף אַ צעפוילט ווייץ־קערנדל.

די גמרא (עבודה זרה ב״) זאָגט: אין דער קומנדיקער צייט וועט גאָט האַלטן די תורה אין שויס און וועט אויסרופן: ווער ס׳האָט איר גע־לערנט, זאָל קומען נעמען זיין שכר! וועלן אָנקומען אַלע פרעמדע פעלקער און פאָדערן שכר. וועט זיי גאָט דאַמאָלט פרעגן: פאַרשטייט איר עפּעס אין דער דאָזיקער תורה?

און ווי אַזוי טאַקע האָבן די פעלקער געקענט פאַרשטיין די תורה, אַז אַ חוץ זייער שנאה האָבן זיי די תורה אונזערע געלערנט בלויז אויבנ־אויפיק, בלויז אירע טויטע אותיות און שטומע ווערטער?

איינמאָל — דערציילט זיך אַ מעשה׳לע — האָט אַ באַרימטער גע־לערנטער שפּאַצירט ביים ים־ברעג און דערזען ווי קינדער גראָבן גריבער און פילן זיי אָן מיט וואַסער. זייענדיק פאַרוואונדערט, האָט ער געפרעגט: קינדערלעך, וואָס טוט איר אַזוינס? האָבן די קינדער אים געענטפערט: מיר ווילן אויסליידיקן דעם ים. דער געלערנטער האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעשריען: נאַרישע קינדער!

אַ סך פון אונזערע אייגענע, און אודאי און אודאי די פרעמדע, ווילן אויסטריקענען דעם תורה־ים און אים פאַרוואַנדלען אין אַ מין אַנטיק־וואַרן דאָקומענט וואָס האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און פאַרלאָרן זיין וויכ־טיקייט. וואָלטן אָט די דאָזיקע כאָטש געקענט און פאַרשטאַנען די תורה אין איר גאַנצער אומפאַסנדיקייט, וואָלטן זיי אודאי ניט געפּרובירט, ווי די קינדער אין מעשה׳לע, אויסטריקענען אָט דעם דאָזיקן גרויסן און טיפן ים.

אין דער מרידה קעגן די צוימען פון דער אָרגאַניזירטער רעליגיע, האָט מען ניט בלויז אויפגעבראָכן שאָלעכצן, נאָר מ'האָט אויך צעשמעטערט דעם זאַנפטיקן און נאַרהאַפטיקן קערנדל. אַזוי אַרום איז די תורה באמת איצטער אַ פאַרזיגלט בוך, אַ ספר החתום, און מ'האָט קנאַפּע ידיעות וועגן אירע אייביקע אמת'ן וואָס פינקלען ווי דימאַנטן אין דער קרוין פון אידיש-גייסטיקן שאַפן.

די צרה ליגט דאַרין וואָס מ'דערזעט בלויז דאָס אויבנאויפיקע, דאָס לפנים'דיקע, פאַרגעסנדיק אַז די תורה איז אַן אומדערשעפּלעכער ים וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט. די תורה איז אידישער פאָלקסטום, אידישער קולטור-אוצר, און איז אוניק אָן אַ גלייכן אין דער גאַנצער וועלט.

ניט אומזיסט אפשר האָט די תורה אויסגעהאַלטן דעם פייער-פּראָוו אַזוי פיל טויזנטער יאָר ניט פאַרלירנדיק אַ האָר פון איר וואָגיקייט און נוצלעכקייט. די תורה איז נאָך איצטער איינע פון די עקרים און הגם דאָס ליכט אירס איז טיילווייז פאַרטונקלט, זיינען אירע שטראַלן נאָך אַלץ צעשפּרייט און צעגאָסן אין אונזער געוויסן.

דערציילט די אגדה:

איינמאָל האָט דער רוימישער קייסער געשיקט רבי יהודה הנשיא'ן אַ טייערע מתנה, און געבעטן צוריקשיקן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין אַן אייביקער אנדענק פון זייער פריינטשאַפט.

רבי יהודה הנשיא האָט דעם קייסער'ס פאַרלאַנג באַוויליקט, און אים צוריקגעשיקט אַ מזוזה געשריבן אויף פאַרמעט.

אַ צייט שפּעטער האָט דער קייסער זיך אָנגעטראָפן מיט רבי יהודה'ן, און אים מיט פאַרדרוס פאַרגעוואָרפן די מינדערוויכטיקע מתנה.

האָט רבי יהודה הנשיא געזאָגט דעם קייסער:

— האָסט אַ טעות, גרויסער צעזאַר, מיין מתנה האָט אַ סך אַ גרעסערן ווערט ווי דיין זעלטענער בריליאַנט, וואָס דו האָסט מיר געשיקט. דיין מתנה מוז איך תמיד היטן און באַוואַכן זי זאָל ניט פאַרלירן איר ווערט, בעת מיין מתנה איז דער אויסדרוק פון אונזער תורה, הייליק און אייביק אין איר גרויסן ווערט.

אַלע צווייגן פונם מענשלעכן לעבן, די סאָציאַלע ווי די ווירטשאַפט-לעכע, די עקאָנאָמישע ווי די אידייאישע, ווערן באַוואָרנט אין דער תורה. פאַר אַלץ און אַלעמען האָט זי גוט-צוגעפּאַסטע געזעצן, וואָס זיינען ווייט

ניט הינטערשטעליק פאר דער איצטיקער צייט. אויף אלץ וואס האט א שייכות מיט דעם טאג־טעגלעכן לעבן פון די פעלקער, אויף זייערע ליטע־ראטורן און קונסט, אויף זייערע פארפיינערטע מידות און בירגערלעכע קא־דעקסן, ליגט דער חותם פון דער תורה. קיין פאלק האט ניט באשאפן זיין דורכאוים אייגענע רעליגיעזע פילאזאפיע, קיין דורכאוים אייגענע עטיק, קיין דורכאוים אייגענעם אמת. אלץ איז געשעפט געווארן פון דעם אלט־אידישן תורה־קוואל און מענשן זיינען אין תוך פארבליבן בארבארן, בלויז דערפאר וואס די תורה איז ניט אויפגענומען געווארן מיט הארץ.

די אגדה האט טאקע דארויף איר שארפע סאטירע:

ווען דער שטן — דערציילט די אגדה — האט דערהערט, אז די תורה איז אראפגעשיקט געווארן אויף דער ערד איז ער געווארן א דער־צימערטער. אויב די תורה־אידייען וועלן באמת אויפגענומען ווערן און ס'וועלן זיך שאפן גוטע מידות, טא ווי אזוי וועט ער, דער שטן און שר פון אלדאס בייז, דורכפירן זיין עובדה?

איז דער שטן אראפ פון הימל זיך צו באקענען מיטן מהות פון דער תורה און איר השפעה אויף דער מענשהייט. פרעגט ער ביי דער ערד: תורה היכן היא? וואו איז די תורה? איך געפין דאך פון איר קיין שפור ניט, די וועלט איז ראך פול מיט גזילה און רציחה!

ענטפערט אים די ערד: אלקים הבין דרכה — איין גאט אין הימל ווייסט וואו זי איז; איך זע איר ניט און פיל איר ניט, און מוז נאך אלץ איינזאפן אין זיך דאס אומשולדיק פארגאסענע בלוט פון מענשלעכע רציחות.

איז דער שטן אוועקגעלאפן צום ים, און געפרעגט: תורה היכן היא? וואו איז די תורה? דו דארפסט דאך וויסן, אויף דיין רוקן פארן דאך שיפן מיט מענשן אין אלע עקן פון דער וועלט!

ענטפערט דער ים: אין עמדי — ניטא ביי מיר! איך זע איר ניט און פיל איר ניט, און מוז נאך אלץ איינזאפן דאס אומשולדיק פארגאסענע בלוט פון די קריגס־שיפן און סובמארינען.

איז דער שטן אוועקגעלאפען צום תהום און געפרעגט: תורה היכן היא? וואו איז די תורה? דו דארפסט דאך וויסן, דו ביסט דאך דער הוילער אפגרונט וואס באדט זיך אין שלעכטס!

ענטפערט דער תהום: לא בי היא — ניט אין מיר ווערסטו געפינען די תורה־אידייען, דער מענשלעכער תהום איז נאָך אַלץ דער געזונקענער אָפּגרונט.

איז דער שטן אוועקגעלאָפן צום כסא הכבוד און גע'טענה'ט: רבונו של עולם, תורה היכן היא, וואו איז דיין תורה, וואו?

גאָט, כביכל, האָט גאָרניט געענטפערט, וואָרן וואָס, א שטייגער, האָט ער געקענט ענטפערן?

דערציילט מען טאַקע וועגן קאָצקער רבין, ז"ל:

א יונגערמאַן, א בעל גאוה'ניק, איז געקומען נעמען שלום. פרעגט אים דער רבי: יונגערמאַן, קאָנסטו לערנען? ענטפערט דער יונגערמאַן: איך האָב אויסגעלערנט גאַנץ ש"ס! צעשמייכלט זיך דער רבי: האָסט טאַקע, קאָנטיק, אויסגעלערנט גאַנץ ש"ס, אָבער, זאָג מיר, יונגערמאַן, וואָס האָט ש"ס דיך אויסגעלערנט?

אין תוך גענומען, איז תורה די לערע וואָס משה רבנו האָט געגעבן דעם אידן. בעצם אבער איז תורה א לעבנסגעזעץ, און אין די דאָזיקע צוויי טייטשונגען איז ניטאָ קיין סתירה. די תורה איז טאַקע א לערע, אָבער זי באַשטייט פון באַשטימטע לעבנסגעזעצן. תורת משה איז די לערע פון לעבן, פון אַקטועלן טאָגטעגלעכן לעבן אין אַלע זיינע וואָכנדיקייטן, וואָס זוכט צו דערהויבן און פאַרפיינערן: לעבנסגעזעצן, וואָס דערנענטערן צו די געט־לעכע באַגריפן פון ריינקייט און שיינקייט, ערלעכקייט און גוטסקייט.

אין דער לאַנגער אידישער געשיכטע איז תורה תמיד געווען אַסאָציאירט מיט אידן און אידישקייט. דער קריטעריום איז געווען א באַשטימטער און אָנגעצייכנטער: תורה ! איצטער זיינען פאַראַן אידישע אידייען, וואָס האָבן אויפגעבויט נייע קריטעריעס. די נייע זעלבסטשטענדיקע אידישע אידייען האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אַזוי פיל, וויפיל די ווירקלעכקייט פון דער רעליגיעזער אידישקייט איז צעבראָכן געוואָרן. זיי זיינען אַנטשטאַנען בלויז אין די רייען וואו די נשמה איז שוין געווען צעשפּאָלטן אין צווייען: אין גייסטיקייט און אין מאַטעריאַליזם.

די נייע אידישקייט־אידייען זיינען באמת א סימן מובהק, אז די אידישע פאָלקס־נשמה איז נאָך ניט פאַרשוואונדן. זי איז צעשפּאָלטן און צעבראָכן, אָבער נאָך ניט פאַנאַנדערגעפאַלן. די ברייטע פאָלקס מאַסן שטייען נאָך אפילו איצטער מיטן שורש אינם אַמאָליקן לעבן, לכל הפחות אין איר אטמאָ־

ספער און מחיצה. דער פשוטער פאָלקסמענש פארמאָגט נאָך אַלץ אַ טייל פון די אידישע לעבנספאָרמען, און אַט דאָס דאָזיקע דערהאַלט אין זיי גאַנץ שטאַנדהאַפטיק דעם אידישן באַוואוסטזיין. דער פאַקט וואָס זיי זייַנען אידן מיט אַ תורה־קולטור, הגם היפשלעך פאַרפרעמדט דערפון, איז פאַר זיי אַ שטאַרקער געפיל פון זיכערקייט. דער פשוטער מענש האָט, קאָנטיק, אַ פיל בעסערן חוש אונטערצושיידן פון ראַיעלקייט און סוראָגאַטן, און דערפאַר, משמעות, האָט ער באמת קיינמאָל ניט אויפגענומען בלב ובמעשה די נייע אידישקייט־אידייען.

אידישקייט איז ניט בלויז אַ עטיק, ניט בלויז אַ סאָציאַלע אויסבעסערונג, ניט בלויז אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער געפיל און ניט בלויז אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע. די אַלע פיר באַזונדערע זאַכן זייַנען איינגעשלאָסן אינם אידנטום ווי אַן אינטעגראַלער טייל און אומבאַדינגטע נויטוועגדיקייט, ווייל דאָס און נאָך מערער פון דעם איז אַ טייל פון אונזער תורה־לעבן. אַז דער תורה זייַנען אַט די אַלע פיין־פאַרטראַכטע אידייען פשוט אַז אַן אינהאַלט און אַן אַנהאַלט, אַן השפעה און אַן לעבן, און זייַנען בשום אופן ניט בכח געווגג צו דערהאַלטן די אידישע אייביקייט.

לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעני — ווען ניט דיין וואונדערלעכע תורה, וואָלט איך זיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרלאָרענעם. איז דאָס דאָזיקע ניט קיין מליצה, נאָר אַ פּאָזיטיווער אמת. מיר וואַרטן אַלע איצטער אויפן טאָג פון גערעכטיקייט, און אַט דעם דאָזיקן טאָג טאָרן מיר פון אויג און רעיון ניט ארויסלאָזן. מיר מוזן חלומען וועגן אים און ריכטן אַלע אונזערע מחשבות און מעשים אין יענער ריכטונג. ס'איז דער טאָג וואָס איז אויסגעטראָטן געוואָרן אין דער אידישער געשיכטע און איז אַרויסגערעדט געוואָרן אין דער תורה־שאַפונג. אַט די שאַפונג טאָר זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן פון אונזער זכרון, וואָרן כדי זיך אַרויסצורייסן פון דער תוכחה־שטימונג מוזן מיר זיך בסדר נערן מיט אונזערע גייסטיקע שאַפונגס־קוואַלן.

די תורה־שאַפונג איז תמיד געגאַנגען אין דער ליניע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און הומאַניטעט. ס'איז אונזער תורה וואָס האָט די ערשטע פּראָקלאַמירט די גלייכשטעלונג פון אַלע מענשן, איין מאָס פאַר אַלעמען, איין געזעץ פאַר אַלעמען, איין רעכט פאַרן בירגער און פרעמדן; ס'איז אונזער תורה וואָס לערנט צו לעבן מיט משפט און רחמים, מיט צדק און חסד, מיט יושר און ליבשאַפט; ס'איז אונזער תורה וואָס האָט פאַרזייט

די ערשטע קערנדלעך פון וועמען ס'זיינען ארויסגעוואקסן די מאדערנע אי־דייען פון סאציאלער גערעכטיקייט; ס'איז אונזער תורה וואס האלט אז וויסן און יושר איז דער סאמער היילקסטער פארמעג, דאס סאמע וויכטיקסטע וועגן וועלכן דער מענש מוז טראכטן טאג און נאכט — והגית בו יומם ולילה!

די תורה איז ניט רעליגיע, ניט קיין טעאלאגיע. די וואס ווילן שאפן דעם דאזיקן באגריף, רעדוצירן פשוט דעם תורה־מהות. דער חילוק איז דא גוואלדיק גרויס: טעאלאגיע איז די מענשלעכע לערע איבער געטלעכע ענינים; תורה איז די געטלעכע לערע איבער מענשליכע ענינים. דער מענש לערנט טעאלאגיע, די תורה אבער לערנט דעם מענשן. פיל מערער ווי די אידן האבן געהיט די תורה, האט די תורה אפגעהיט דעם אידן. די תורה האט דעם אידן צעמענטירט און געגעבן כח — געשאפן דעם אינהאלט פאר אונזער אייגנארטיק פאלקסלעבן. אמת, אז גאט איז דער מקור פון דער תורה, דאך איז די תורה אפילו אין איר עצם אינערלעכקייט בלויז א תורת חיים, בלויז א לעבעדיקער כח, וואס נערט און קרעפטיקט, גיט אינהאלט און זין, און באווירקט דעם מענשן און זיינע מעשים. די תורה לייגט דעם געוויכט בלויז אויפן לעבן. וחי בהם ולא שימות בהם — מענש לעב! מיט דיין לעבן און דורך עטישקייט אין אלץ וואס האט אין זיך לעבן, וועסטו דערפירן צו געטלעכער שלמות'דיקייט.

א מענש קאן ניט צוקומען צו גייסטיקן אויפשוואונג, קאן ניט שעפן קיין אינספיראציע און באגייסטערונג, אן דעם עטישן אויסלעבן זיך ווי א פארבאדינג צו אמת'ער שלימות'דיקייט. לערנען ש"ס איז ניט גענוג; מ'מוז דערפון געלערנט ווערן, מ'מוז זיך דורכן לערנען אויסלאדענען אין ספעריש העכערע התרוממות און לעבן א בעסער און שענער לעבן.

די גמרא (עירובין נ"ד) זאגט: ס'שטייט אין דער תורה (דברים ל, י"ד): כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו — זער נאענט איז די תורה צו דיר אין דיין מויל און אין דיין הארצן עס צו טאן, מיינט עס: אימתי קרוב אליך בזמן שבפיך ובלבבך לעשותו — ווען איז דיר די תורה נאענט? בלויז ווען דיין מויל און דיין הארץ העלפן דיר דאס צו טאן.

שמעון הצדיק פלעגט זאגן: אויף דריי זאכן שטייט די וועלט: אויף תורה, אויף עבודה און אויף גמילות חסדים. אלע דריי זיינען דא ענג צינויפגעבונדן; איינס אן אנדערן איז ניט גענוג. הלל הזקן, וועלכער איז געווען דער גרויסער דעמאקראטישער לערער און סאציאל־רעפארמער, האט

געזאָגט: זאָלסט זיין פון די נאָכפאָלגער פון אהרן, ליבן שלום און שטרעבן צו שלום, ליב האבן מענשן און זיי באקאנט מאכן מיט די גוטע לערנונגען פון דער תורה. אויך האָט הלל געזאָגט: וואָס מער תורה אַלץ מער לעבן, וואָס מער לערנען אַלץ מער חכמה, וואָס מער איבערלייגונג אַלץ מער פאַר־נונפט, וואָס מער צדקה אַלץ מער שלום.

דער בעל שם טוב פלעגט זאָגן: ווען אַ מענשנ׳ס מח איז באַשעפטיקט מיט תורה, לויכט אַהין אַריין דאָס ליכט פון ששת ימי בראשית.

די תורה איז די נשמה פונם אידן. וואָס איז דען נשמה? — נשמה איז דעם באַשעפער׳ס אַ קליינער טייל רעיונות וואָס לייטערן און דערהויבן. נעמט אוועק פון אונז די דאָזיקע רעיונות, פאַרלירן מיר אונזער נשמה און אונזער לעבן ווערט אָפּגעהאַקט. די תורה איז תמיד געווען דער סך הכל פון אונזער אידיש לעבן און די לערנונג ווי אַזוי צו לעבן להבא. האָט ביי וועמען פון אונז אויפגעהערט די תורה, איז אויסגעהויכט געוואָרן דער לעצטער אָטעם.

דער אידישער חוש האָט תמיד דערפילט די נויטיקייט אויפצוהאַלטן די תורה. פון סאַמע אָנהויב אָן האָט מען זיך געזאָרגט אַז שלא נשתכחה תורה מישראל, אַז דער איד זאָל, חלילה, ניט פאַרגעסן זיין תורה, וועלכע איז איינציק און אייגנאַרטיק, לעבנסקראַפטיק און אייביק.

די היסטאָרישע באַשטימונג פון דער תורה איז:

מיר, אידן, מוזן מיט אונזער עטישן לעבנסשטייגער, מיט אונזער עכט מאָראַלישער האַנדלונג און אמת מענשלעכער אויפפירונג; מיט אונזער סאָ־ציאַלן צדק און יושר, וואָס זעצט אַרוים פון דער טיפסטער טיפעניש פון אונ־זער נשמה ווי אַ לאַווע פון אַ פלאַם־שפּייענדיקן וואולקאַן; מיט אונזער רחמנות און אחריות געפיל, וואָס פילט אוים אונזער גאַנצן עצם וועזן; מיט אונזער התלהבות׳דיקן גלויבן און פילן די דערהאבנקייט און שלמות׳דיקייט פונם בורא עולם פון וועמען דער מענש איז אַן אינטעגראַלער חלק; בעיקר: מיט אונזער באַשטרעבונג צו קדושה און טהרה, דאַרפן מיר באַשאַפן אַ נס לגויים, אַ מין מוסטער פאַר דער גאָרער וועלט.

ניט קיין מיסיאָנערן, מלמדים און שלוחים דאַרפן מיר זיין, נאָר מוסטערן, מוסטערן דורך אונזער אייגענעם לעבן, דורך אונזערע אייגענע מעשים.

דער גרויסער קאַמף וואָס די נביאים אונזערע האָבן אויפגעהויבן קעגן אַלערליי דעספּאָטן און אומגערעכטיקייטן, איז תמיד געווען באַווירקט פון

דעם „כה אמר ה׳ ” — אזוי האָט גאָט געזאָגט, אזוי פּאָדערט די שלמות׳דיקייט, די העכערע דערהויבונג, וואָס איז איינגעקערפּערט אין באַגריף פון געטלעכקייט.

און אָט דער דאָזיקער דינאַמישער אויסדרוק איז באַנוצט געוואָרן פונם ערשטן נביא בישראל, פון משה רבנו. מיט דעם דאָזיקן געווער וואָס איז געווען ווי „אַ שווערד אין די הענט פון די נביאים”, האָט די תורת משה אַרויפגעפירט דעם אידן אויף דעם וועג פון אייביקן קאַמף, אים געגעבן דעם באַגריף פון גערעכטיקייט און אים געגעבן כח צו גלויבן און האָפן אויף אַן אחרית הימים.

דאס אידישע פאָלק פארנעמט דאריבער זיין אייגנארטיקע און זעלבסט־שטענדיקע שטעלונג אין דער געשיכטע פון פעלקער און יחידים. דער באַ־וועגנדיקער כח דערצו איז די תורה, וועלכע דערוועקט אין אונז דעם העכערן געפיל און וויסן.

וואָס ס׳איז פאַר אונז אפּנבאר לעולם ועד, איז:

ווי אונזער עתיד זאָל זיך ניט אויסבילדן און וואָס מיר זאָלן ניט דאַרפן איבערלעבן, אין ארץ ישראל אָדער אין גלות, האָבן מיר איין איינציקע זיכערקייט: די תורה!

בראשית

בראשית ברא אלקים — אין אנהויב האָט גאָט באשאפן הימל און ערד; די ערד איז געווען פוסט און וויסט, און פינסטערניש איז געווען איבערן אפגרונט. האָט גאָט געזאָגט: יהי אור, זאָל זיין ליכט! און ס׳איז געווארן ליכט. און ס׳איז געווען אוונט, און ס׳איז געווען מאָרגן — איין טאָג (בראשית א׳, א׳).

אין אָט די דאזיקע ערשטע פסוקים געפינט זיך דער גאנצער אינהאלט פון דער אידיש־רעליגיעזער פילאזאפיע און עטיק: די וועלט איז ניט קיין צופאל, ניט ארויסגעוואקסן פון א פיזיקאלישן כח, נאָר איז אַן עפעס פון א גאָרניט, געשאפן פון א געטלעכן כח וואָס באהערשט און געוועלטיקט איבער אלץ און אלעמען.

די פילאָזאָפיע און וויסנשאפט מאטערט זיך שוין יארטויזנטער צו דערגיין די סודות פון דער יצירה, דעם אנהויב פון אלע אנהויבן און די סיבה וואָס האָט אלץ פאראורזאכט, און אלע בלייבן שטיין פארגאפט און שלאָגן זיך אָן אין א פארמויערטער וואנט. די תורה ברייטערט אויס דעם מענשלעכן בליק, און גיט אים גייסט, וויזיע און שוואונג. בראשית — אין אנהויב האָט גאט באשאפן! דער מענש באפרייט זיך מיטאמאָל פון אלע נאטורקייטן, און ווערט דערהויבן צו הימלישע הויכקייטן. פארשונג און נאָכקלערונג איז אים מער ניט נוצלעך, ווייל די וועלט איז א געטלעכע שאפונג און גייט ארויס פון די גרענעצן פון מענשלעכן שכל.

דאָס וואס איז מעגלעך פארן מענשלעכן מח צו דערגיין, האָבן אונזערע חכמי התלמוד דערפארשט און זייערע דערפארשונגען שטימען פינקטלעך מיט דער מאדערנער וויסנשאפט.

די מאָדערנע פארשונג באווייזט קלאר, אז די וועלט איז אלט מיליאנען יאר און אז אין דער אנטשטייאונג איז אנגעגאנגען כסדר׳דיקע ענדערונגען פון טרוקעניש אויף וואסער און פון וואסער אויף טרוקעניש. די געלערנטע ליבניטץ (1680) און בופאן (1749) באווייזן, אז די ערד איז לכתחילה גע־

זוען וואולקאניש און ארויסגעגעבן פון זיך א מאסע לאווע, וועלכע האט דורך באשטענדיקער באוועגונג און אונטערן דרוק פונם וואסער זיך אויסגעפארמירט אין שטיינער־שיכטן. געסנער (1758) דערקלערט, אז ס'האט געדויערט אכ־ציק טויזנט יאר איידער די בערג האבן אנגענומען די איצטיקע פארם. די דארוויניסטישע טעאריע באווייזט אויך, אז די פארמירונג און אנטוויקלונג פון לעבעדיקע וועזנס איז אנטשטאנען דורך די איבערבלייבונגען פון אפגע־שטארבענע חיות, און אז דער דאזיקער עוואלוציאנערער פראצעס איז אנגע־גאנגען דורך אומצייליקע ענדערונגען און האט געדויערט העכער הונדערט מיליאן יאר.

אויבנאויפיק איז די תורה אין סתירה מיט דער דאזיקער וויסנשאפט, אבער אין עצם איז קיין ווידערשפרוך ניטא. די וועלט איז טאקע באשאפן גע־ווארן ווי א יש מאין, בלויז דורך גאט'ס ווארט, אבער די איצטיקע וועלט וועגן וועלכער די תורה רעדט איז ניט די ערשטע און אפשר אויך ניט די לעצטע. דער אבן עזרא זאגט: הגם גאט איז דער באשאפער פון אלץ און אלעמען, דאך איז די ערד ניט געווען נײ ביי ששת ימי בראשית. זי איז שוין געוועזן פריער, נאר גאט האט זי א סך מאל הרוב געמאכט און ווידער באשאפן. אויך דער מדרש (בראשית רבה פ"ג) זאגט: ס'שטייט ניט אין דער תורה „ס'זאל זיין אוונט" נאר „ס'איז געווען אוונט", איז דערפון געדרונגען אז נאך פאר דער באשאפונג פון דער איצטיקער וועלט איז שוין געווען א גוט איינגע־ארדנטע צייט־אָרדנונג. די גמרא זאגט (שבת פ"ח); די תורה איז געווען נאך פאר דער באשאפונג פון דער איצטיקער וועלט, ווייל אויך פריער זיינען געווען וועלטן.

דערמיט ווערט פארווארפן יעדע סתירה צווישען דער תורה און דער מאדערנער וויסנשאפט, און געראכט איז געווען דער זדיטשעווער רבי, ז"ל. „בראשית, דאס סאמע ערשטע דארף א איד וויסן—האט דער רבי געטייטשט— אז ברא אלקים, אז גאט ברוך הוא האט באשאפן די וועלט".

דער רמב"ן (בראשית א', א') זאגט: ס'איז אוממעגלעך ארויסצוזאגן גאר די געטלעכע קראפט, און דאריבער האט די תורה געזאגט סתם: בראשית ברא — אין אנהויב האט גאט באשאפן!

וועגן דעם וואס די תורה הויבט זיך אן מיט א „בית" און ניט מיט אן „אלף", איז פאראן א גאנצע ליטעראטור. דער בעסטער דרש איז אבער דער פון רבי'ן ר' יצחק נעשכיזער (תולדות יצחק): מיטן „בית" ווערט אנגעזאגט אז

דער מענש זאָל אויף אַלץ קוקן מיט צוויי אויגן: מיט איין אויג אויף זיך, און מיטן צווייטן אויפן אנדערן; מיט איין אויג דאַרף מען דערזעהן די אייגענע נישטיקייט, און מיטן צווייטן — גאָט׳ס גרויסקייט.

די וועלט טייטשט: בראשית ברא — צום ערשטן דאַרף א איד זיין געזוגט. דער וואָרט „ברא״ ווערט דא אנטנומען פון „בריאות״, געזונטקייט.

דער הימל הייסט „שמים״, און דער וואסער — „מים״. ביידע זיינען ענלעך אין נאָמען אָנצודייטן אויף ביידנס גלייכע אייגנשאפטן: וואַסער נעמט אָן פאַרשידענע פאַרבן, ווי ווייס, שוואַרץ, רויט, גרין און בלוי, און אויך דער הימל נעמט אָן די זעלבע פאַרבן. צוליב דער ענלעכקייט און געמיינשאַפטלעכקייט האָט דער הימל געשלאָסן אן אָפּמאַך מיט׳ן וואסער, אז בעת ער וועט שרפה׳נען זאָל דער וואסער קילן (בראשית רבה, סימן ב׳).

ווען גאָט האָט באשאַפן די וועלט, — זאָגט דער כלי יקר — האָט זי זיך אויסגעברייטערט ביז אין דער אומענדלעכקייט אריין. האָט גאָט א געשריי געגעבן, און די וועלט האָט זיך איינגעצאַמט. אייך האָט זיך דער ים אויסגעברייטערט, און ערשט שפּעטער אויף גאָט׳ס באַפעל איינגעשלאָסן די ברעגן. דער מענש אבער קאן קיינמאָל ניט איינצאַמען זיינע לײדנשאַפטן, ווייל ער פאַרמאָגט אין זיך די אייגנשאַפטן סיי פון דער ערד, סיי פונם הימל און סיי פון דעם ים. (איש, מענש, איז די ראשי תיבות פון ארץ, ים, שמים — ערד, ים, הימל).

און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיין ליכט! און ס׳איז געוואָרן ליכט (בראשית א, ג׳).

אין איינעם פון זיינע שירים האָט דער אומשטערבלעכער דיכטער, חיים נחמן ביאליק, זיך געבעטן: „אור, אור, הב אור — ליכט, ליכט, גיב ליכט!״ און אָט דעם דאזיקן מקור געפינען מיר אינם אנהויב פון וועלט־באַשאַף. דער סאַמע ערשטער באַפעל איז געווען: יהי אור, זאָל זיין ליכט! אָן ליכט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט, ווייל ליכט מיינט בעיקר גייסטיקע ליכטיקייט: וויסן, כאַראַקטער, איידלקייט און אַלע אנדערע פיינע מידות. אזוי ריידן מיר שוין איצטער וועגן א ליכטיקע פערזענלעכקייט און א ליכטיקע נשמה.

גאָט האָט מיט זיין זאָג באַשאַפן די וועלט. דער זאָג, דאָס וואָרט, האָט אַן אייביק שעפערישן כח. דערפאַר לערנט אונז די אמונה, אז יעדער וואָרט, יעדער אות אין דער תורה, האָט עקזיסטירט אין דער לאַנגער אייביקייט נאָך לאַנג פאַר דער באַשאַפונג.

אויך די אַלטע גריכן האָבן פאַרהייליקט דעם וואָרט. ביי זיי הייסט ער „לאָגאָס", וואָס דייט אָן אויף חכמה, און אָט דעם לאָגאָס האָבן זיי געמאַכט פאַר גאָט'ס אָן ארויסהעלפער, ווי די קריסטן האָבן געמאַכט יעזוס'ן פאַר גאָט'ס אָן ארויסהעלפער.

און גאָט האָט געמאַכט א צווישנשייד צווישן ליכט און פינסטער־ניש (בראשית א, ד').

פרעגט זיך: פאַרוואָס ווערט ניט געזאָגט מיט וואָס דער צווישנשייד איז געמאַכט געוואָרן? דער תירוץ איז: ויבדל — און ער האָט געמאַכט א צווישנשייד. מיט וואָס? — אלקים, מיט דער גאָטהייט. מיט ליכט איז גאָט'ס נאָמען יא פאַרבונדן, און מיט פינסטערניש ניט.

און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכט, דעם גרעסערן ליכט צו הערשן איבערן טאָג, און דעם קלענערן ליכט צו הערשן איבער דער נאַכט (בראשית א, ט"ז).

די גמרא (חולין, ס') דערציילט: די לבנה איז לכתחילה געווען אזוי גרויס ווי די זון, האָט זי אָבער געהאַט א טענה צום רבונו של עולם: היתכן, ווי קען נען מיר ביידע, די זון און איך, זיין גלייך? האָט גאָט באַפוילן: אויב אזוי, טאָ ווער זשע דו, לבנה, קלענער. דער מוסר השכל דערפון איז, אז מ'דאַרף פאַרגינען דעם אנדערן זיין גרויסקייט.

גאָט האָט מיט א כונה באַשאַפן צוויי גרויסע ליכט, די זון און די לבנה, כדי מ'זאָל קענען זאָגן צו די וואָס בוקן זיך צו דער זון ווי צו א גאָט, אז ס'איז דאָ נאָך א ליכט וואָס איז שיין און הערליך (דעת זקנים דבעלי התוספות).

עשיו, דער ניט־איד, רעכנט די חדשים און יארן ווערדליק דעם גאַנג פון דער זון און יעקב, דער איד, רעכנט ווערדליק דער לבנה. לויכט דאריבער עשיו ווי די זון אין העלן טאָג, און יעקב לויכט ווי די לבנה נאָך זון אונטער־גאַנג און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט (בראשית רבה, פרשה ו').

און גאָט האָט געזאָגט: נאַמיר מאַכן א מענש אין אונזער פאָרם און ווי אונזער ענלעכקייט (בראשית א, כ"ו).

דער ווילנער גאון (אדרת אליהו להגר"א) טייטשט: גאָט האָט געזאָגט צו אַלע באַשעפענישן: נעשה אדם — נאַמיר אַלע בשותפות געבן דעם מענשן א טייל פון אונזערע אייגנשאַפטן. זאָל דער לייב אים געבן זיין גבורה, דער פוקס — זיין חכמה, דער הירש — זיין שנעלקייט, דער אדלער — זיין

מאיעסטעטישקייט, און איך וועל דעם מענשן געבן די געטלעכע פארם און ענלעכקייט.

בעת גאָט האָט באשאפן דעם מענשן, האָט זיך אין הימל אויפגעהויבן א מחלוקה צווישן די מלאכים. דער שר של חסד האָט געזאָגט דער מענש זאָל יא באשאפן ווערן, ווייל אפילו אין זיין פארדארבנקייט וועט ער אויך אמאָל טאָן א חסד. ער וועט אימיצן אמאָל לייען א גמילת חסד, טאָן אמאָל א טובה און אפילו געבן אמאָל א נדבה. איז אבער געקומען דער שר של אמת און געשטורעמט דוקא ניין און ניין, דער מענש זאָל באין אופן ניט באשאפן ווערן מחמת ער וועט זיין תמיד כלו שקר, הווילער ליגן אן א שמץ פון טריגעס און מלחמה.

דארף מען מער פארן שר של שלום קיין מורא ניט האָבן: ס'איז פשוט ניטאָ

האָט דאך אבער דער רבונו של עולם געוואלט דוקא באשאפן דעם מענשן, מענש זאָל יא באשאפן ווערן, ווייל אפילו אין זיין שלעכטסקייט און פאררע־טערישקייט, וועט ער דאך אמאָל ארויסגעבן א גערעכטן אורטייל. איז אנגע־לאָפן דער שר של שלום און געליארעמט ניין און ניין, דער מענש טאָר באין אופן ניט באשאפן ווערן מחמת ער וועט פירן בלויז צו קריג און שנאה, איני־

טא וואס זשע האָט ער געטאָן? — האָט ער גענומען דעם אמת און אים אראָפּ־געווארפן אויף דער ערד. די מיינונגען אין הימל זיינען דאמאלט פארבליבן צווי קעגן איינעם: חסד און צדק אז מ'זאל דעם מענשן יא באשאפן, און שלום — מ'זאל דעם מענשן ניט באשאפן. היות דער דין איז אחרי רבים להטות, אז מ'מוז זיך פירן דעמאקראטיש און אנערקענען א מערהייט שטי־מען, איז דער מענש יא באשאפן געווארן (בראשית רבה).

דער אלטער קאָצקער, ז"ל, האָט געזאָגט: אז מ'ווארפט אוועק דעם אמת, אמת'דיקייט. האָט זיך ארויסגערוקט דער שר של צדק און גע'טענה'ט דער מער־ער איבער וואס זיך צו קריגן. אז ס'איז נאך דא א שטיקל אמת, טענה'ט יעדער איינער אז דער אמת איז בלויז מיט אים און ניט מיטן אנדערן. איז אבער קיין אמת ניטא, איז ניטא איבער וואס זיך צו קריגן (אהל תורה).

גאָט ברוך הוא האָט אראפגעווארפן דעם אמת דערפאר וואס ער האָט ניט געוואלט, אז דער אמת זאָל כסדר באווייזן די ליגנס פון מענשלעכן חסד און צדקה (אור תורה).

רב הונא (בראשית רבה פרשה ח') זאגט: בעת די מלאכים פון חסד, צדק, אמת און שלום האָבן זיך ארומגעקריגט, האָט גאָט באשאפן דעם

מענשן און געזאגט: וואס קריגט איר זיך ארום, דער מענש איז דאך שוין באַשאפן?! גאָט האָט דערמיט געוואָלט אנדייטן, אז טאקע צוליב די כחות פון מיינונגס פארשידנקייט איז דער מענש באשאפן געווארן. משמעות, אז גאָט האָט ניט געוואָלט גאָר די מענשהייט זאָל זיין בדעה אחת און ניט האָבן קיין פרייהייט פון געדאנק און ווארט.

אין מדרש (בראשית רבה א׳) ווערט דערציילט, אז גאָט האָט אדם׳ען געוויזן פריער די קומנדיקע דורות און דערנאָך אויך זייערע פירער און ריכטער. פרעגט די וועלט: פארוואָס האָט גאָט ניט געוויזן פריער די פירער? ענטפערט די וועלט: אויב גאָט וואָלט אדם׳ען געוויזן פריער די פירער, און ער וואָלט דערזען ווי אין אמעריקע איז א גראָביאן א גאנצער יחסן און אן עם הארץ וואס קען קיין שיטל עברי ניט איז א ראביי, וואָלט אדם זיך ביטער צעוויינט. האָט גאָט אים פריער געוויזן יעדן דור און דור, און דערזעענדיק דעם אמעריקאַנער אידישן דור, האָט ער שוין מיט ביטול אויסגערופן: אזוי ווי דער דור, אזוינע פירער און ראביים!

די וועלט פרעגט אויך: פארוואָס האָט גאָט ניט פריער באשאפן חוה׳ן? ענטפערט מען: מיט א פרוי איז א מורא אנצוהויבן..

און גאָט האָט געזען אלץ וואָס ער האָט באשאפן, אז ס׳איז זעהר גוט (בראשית א, ל״א).

פריער איז די וועלט געווען א תהו ובהו, א כאאס און צומישעניש, און דאָך איז אלץ געווארן גוט. פון יעדער שלעכטס קאָן ווערן גוטס, פון יעדער צומישעניש — הארמאניע און פרידן. ווען זאכן זיינען פאנאנדערגעטיילט, זיינען זיי שלעכט; ווערן זיי אבער צונויפגעבונדן אין א באשטימטער ארדנונג, ווערן אריינגעוועבט אינם „כל״, אינם אלגעמיינעם, ווערט טוב מאד, זעהר גוט (אור התורה).

דער מדרש (בראשית רבה פ״ט) זאָגט דא אויף זיין שטייגער א כאראקטעריסטיש ווערטל:

א קעניג האָט אויפגעבויט א נייעם פאלאץ, אויפגעבויט און באטראכט: אך, ווי שיין און הערליך! הלואי זאָלסטו מיר תמיד אזוי געפעלן זיין! אָט אזוי האָט גאָט געזאגט: וועלטעלע, וועלטעלע! הלואי זאָלסטו מיר תמיד אזוי געפעלן ווי דו געפעלסט מיר איצטער!

ר׳ מאיר זאגט (סנהדרין ל״ה): דער מענש איז באשאפן געווארן פון שטויב וואס איז צונויפגענומען געווארן פון דער גאנצער וועלט. דער געדאנק

איז: דער מענש געהערט ניט בלויז צו איין וועלט־ווינקל, נאר גאר די ערד איז זיינע. ער איז ניט קיין חשוב און יחסן צוליעב זיין געבורטסארט, ווייל באמת איז דער מענש א קינד פון דער גארער וועלט. אדם'ס ערד איז צונויפגעקליבן געווארן פון דער גארער וועלט, כדי איין לאנד אדער ראסע זאל זיך ניט גרויסן איבערן אנדערן. אלע מענשן שטאמען פון איין מקור, פון אדם הראשון, און אדם שטאמט פון גאר דער ערד.

אינם מענשן איז פאראן גאר די אייגנשאפט פון דער וועלט: טאל און בארג, פעלד און וואלד, חיה און בוים, ערד און וואסער, היץ און קעלט, גארטן און מדבר. צו א בערגל איז ער גלייך ווען ער זיצט, צו א הויכן בארג— ווען ער שטייט; ווען ער ליגט איז ער ענלעך אמאל צו א טאל און אמאל צו א ברייט פעלד; די האר אויפ'ן קאפ זיינען א וואלד מיט ביימער. פילע טייכן זיינען פאראן: געזאלצענע, ביטערע, זיסע, קאלטע, הייסע, און זיי אלע זיינען פאראן אין מענשלעכן ארגאניזם. דער בויך איז א ים, דער שלונג — א טייך וואס פאלט אריין אין ים און פילט זיך קיינמאל ניט אן. א געזאלצענער וואסער רינט פון די אויגן, קאלטער וואסער רינט פון נאז, ביטערער — פון די אויערן, און זיסער — פון מויל.

פון מויל בלאזן קאלטע ווינטן, און אטעמט אריין צוריק הייסע פארע. אמאל ווערט דער מענש פארגליווערט און פארקילט, און אמאל דערווארעמט און דערהיצט. אין פנים זיינען דא קליינע לעכערלעך ווי קוואלן אויף א פרוכטבארן באדן; די האר שפראצן ווי בוימער אויף פרוכטבארער ערד; דער מענש אן קינדער איז א וויסטע מדבר און פארוועלקט ווי א פארטרוקנטער בוים.

צוויי הונדערט און אכט און פערציק אברים זיינען פאראן אינם מענשלעכן גוף, דאך ליגט דער הויפט כח בלויז אינם הארצן. ווען דער מענש רעדט, רעדט דאס הארץ; דער מענש גייט, גייט ס'הארץ; דער מענש טראכט מיט דער מחשבה, אבער דער פארגעפיל ליגט באהאלטן אין הארצן. וויל ער עפעס טאן, עצה'עט אים ס'הארץ; באנארישט ער זיך, האט אים ס'הארץ פארפירט. אלץ געפינט זיך אין דער טיפעניש פונם מענשלעכן הארץ: האפענונג און פארצווייפלונג, גוטס און שלעכטס, רחמנות און נקמה, ליבע און האס. דער מענש איז אפהענגיק פונם הארץ, און וואויל איז דעם וואס קלייבט אויס דאס גוטע.

און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט, ווארן אין דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט פון גאָר זיין ארבעט וואָס ער האָט באשאפן צו טאָן (בראשית ב, א־ג).

גרויס, גיגאַנטיש גרויס, איז דער שבת, און הויך ווי די פּיראַמידן איז זיין באַדייט. שבת איז דער ערשטער שפּאַן אין דער קולטור געשיכטע, און מיטן שבת איז געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר דער מענשלעכער עטיק. אַלע בערג פון דער ערד קענען דעם שבת ניט פאַרטונקלען. דער תוכן זיינער איז מנוחה, און מנוחה איז יום טוב'דיקייט, נשמה יתירה'דיקע יום טוב'דיקייט.

דער מדרש (בראשית רבה, י"א) זאָגט: פּונקט ווי די באַשאַפענע וועלט האָט געוואַרט אויפן שבת, אַזוי האָט דער שבת געוואַרט אויפן אידן. דערפאַר האָט ישראל ליב דעם שבת, גייט אים אַנטקעגן מיט שמחה, ווי אַ חתן גייט אַנטקייגן אַ כלה.

בני ובין בני ישראל אות היא לעולם — גאָט זאָגט: בלויז צווישן מיר און די קינדער פון ישראל איז דער שבת אַן אייביקער צייכן. דאַרויף זאָגט די גמרא (ביצה ט"ז) אַלע מצוות האָט גאָט געגעבן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אָבער די מצוה פון שבת האָט ער געגעבן אין אינטימער פאַרבאַרגעניש וואָס אַ פרעמדער קאָן ניט דערזעהן.

האָט טאַקע נאָך קיין פרעמדער ביז היינטיקן טאָג ניט דערזעהן דאָס אמתע זוניכט און שיינקייט פון דעם אידישן שבת. אַ סך ניט־אידישע קינסטלער, און מערער פון אַלעמען די צוויי פרויען־קינסטלערינס, די פּוילישע עליזאַ אָרזשעסקאָ און די ענגלישע דזשאָרדזש עליאָט, האָבן געפּרובירט אריינבליקן אינם אמת'ן זין און פּראַכט, אָבער מער ווי די גאָר נאָענטע שטראַלן האָבן זיי ניט דערבליקט. היינריך היינע האָט אפשר יאָ דערזען די ליכטיקע שבת־זון אין זיין „דער רבי פון באכראך", איז ער געווען אַ געבוירענער איד.

דער שבת איז גאָטס חתימה מיט וועלכער ער האָט פאַרזיגלט דעם גורל פון זיין פאָלק ישראל. ניטאָ קיין פאָלק ישראל אָן דעם שבת, און ניטאָ קיין שבת אָן ישראל.

גאָט האָט גערוט פון גאָר זיין ארבעט וואָס ער האָט באשאפן צו טאָן. (בראשית ב, ג").

גאָט האָט דאָך די אַרבעט שוין אָפּגעטאָן, טאָ וואָס עפּעס ווידער־אמאָל „לעשות—צו טאָן און צו מאַכן"? דער געדאַנק איז, אַז גאָט האָט אין אַלץ אַריינגעגעבן דעם כח היצירה, דער מענש זאָל קענען ווייטער אָנגיין מיט דער באַשאַפונג און אַנטוויקלונג.

דער רוימישער הערשער, טורנוס רופוס, האָט געפרעגט רבי עקיבא'ן: וועמענס ווערק איז שענער, גאָט'ס אדער דעם מענטשנ'ס?

—די ווערק פונם מענטשן זיינען שענער—האָט רבי עקיבא געענטפערט.

—וואָס? — האָט טורנוס זיך געוואונדערט — דו, עקיבא, זאָגסט, אַז דעם מענשנ'ס ווערק זיינען שענער?

—יאָ! דעם מענשנ'ס ווערק זיינען שענער! דער מענש האָט ניט גאָט'ס כח, אָבער ער קאָן גאָט'ס באַשאַפונג ווערק פאַרשענערן און באַרייכערן.

און גאָט האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אלערליי בוימער שיין פאַרן אויג און געשמאַק צום עסן, און דעם בוים פון לעבן אין מיטן פון גאָרטן (בראשית ב,ט').

דער רמב"ם דערקלערט (יד החזקה הלכות דעות), אַז דערפון דאַרף מען אָפּלערנען זיך צו דערווייטערן פון עקסטרעמען נאָר תמיד גיין אין שביל הזהב, אין מיטוועג. א סימן לדבר: ועץ החיים בתוך הגן—אין מיטן גאָרטן געפינט זיך דער בוים פון לעבן.

און גאָט האָט גענומען דעם מענשן און איבערגעלאָזט אין גן עדן אים צו באַאַרבעטן און אָפּצוהיטן (בראשית ב, ט"ו).

רבי שמעון זאָגט (אבות דרבי נתן פ' י"א) גרוים איז דער ווערט פון אַרבעט, וואָרן אפילו אדם הראשון האָט ניט געקענט געניסן פון גן עדן איידער ער האָט אים אַליין באַאַרבעט און אָפּגעהיטן.

און גאָט האָט פאַרזאָגט דעם מענשן: פון אלע בוימער פון גאָרטן מעגסטו עסן און פון בוים פון דערקענען גוטס און שלעכטס זאָלסטו ניט עסן (בראשית ב, ט"ז).

גאָט וויל ניט מ'זאָל זיך אָפּזאָגן פון פאַרגעניגנס, און ער פאַרזאָגט דאַריבער: מכל עץ הגן אכל תאכל—פון גאָר די בוימער זאָלסטו עסן, פון גאָר דער פרוכט אויף דער וועלט זאָלסטו אַ הנאה האָבן, בלויז מעץ הדעת טוב ורע , פונם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, זאלסטו ניט עסן. א מענש מעג און דאַרף דערווערבן אַ סך וויסן, אָבער מיט זיין גאַנצער קענטשאַפט און חכמה טאָר ער זיך ניט דערלויבן זאָגן וואָס ס'איז

גוט און וואָס שלעכט. גוטס און שלעכטס איז פעסטגעשטעלט אין דער תורה, און קיין נייע אויסטייטשונג איז ניט נויטיק. עץ הדעת איז טאַקע גוט, וויסנשאַפט און חכמה—אודאי און אודאי, אָבער עץ הדעת טוב ורע טויג ניט. ווען דו, אדם, גייסט שוין אַליין, ווערליק דיין וויסן, באַשטימען וואָס ס׳איז גוט און וואָס איז שלעכט, איז מות תמות — וועט עס ברענגען בלויז טוידט און פאַרניכטונג.

האָט גאָט געלאָזט פאַלן אויפן מענשן א טיפן שלאָף, און ווען ער איז געווען איינגעשלאָפן האָט גאָט גענומען איינעם פון זיינע ריפּן און פון דער דאָזיקער ריפּ אויפגעבויט דעם מענשן א ווייב (בראשית ב, כ״א).

א סך זיינען די בלבולים אויף אונז, און איינער פון זיי איז אַז די אידישע אמונה שטעלט די פרוי נידריקער פונם מאַן. זיינען פאַראַן הונ־דערטער שטעלן אין דער תלמודישער ליטעראַטור וואָס באַווייזן פונקט דעם היפּוך, אָבער שוין דער איינער פּסוק איז גענוג. אדם, דער מאַן, איז באַשאַפן פון פּראָסטער ערד; חוה, די פרוי, איז אָבער איידעלער, פיינער, און איז באַשאַפן פון א מענשלעכן ריפּ.

אין דער גמרא ווערט דערציילט:

איינמאָל איז דער תנא רבן גמליאל גערופן געוואָרן צו דעבאַטירן מיט די פרעמדע הערשער פון לאַנד. רופט זיך אָפּ איינער צום תנא: אייער גאָט איז א פּשוטער גנב, ער האָט פאַרשלעפערט אדם׳ען און פון אים ארויסגע׳גנב׳עט א ריפּ.

רבן גמליאל האָט געוואָלט געבן אַן ענטפער, אָבער דאָ איז אַרויס־געטראָטן דעם קעניג׳ס טאָכטער און געבעטן דערלויבניש צו ענטפערן.

—אדוני מלך—האָט זי זיך פאַרווענדט—זאָל מען מיר געבן אַן אָפיצער מיט סאָלדאַטן. א רויבער האָט זיך אַר[illegible]ערײסן ביינאַכט, אוועק־גערויבט פון מיר א זילבערנעם בעכער און מיר איבערגעלאָזן א גאָלדענעם באַזעצט מיט זעלטן טייערע דימענטן.

שמייכלט דער קעניג און זאָגט:

— קיין גרעסערער אומגליק זאָל ניט טרעפן; הלואי קומען אַזעלכע רויבער אויך היינט ביינאַכט.

—אויב אזוי—האט די פרינצעסין זינגריש אויסגערופן—פארוואס ניט זיין דאנקבאר וואס גאט האט אוועקגענומען אן איינציקן ריפ און דערפאר געגעבן א פרוי?

—יא, אבער פארוואס האט גאט אדם'ן פארשלעפערט? פארוואס האט ער עס ניט געטאן פריי און אפן?

באפעלט די פרינצעסין איר ברענגען א רוי שטיק פלייש פון יאטקע, לייגט פאנאנדער א פייער פון הייסן אש, בראט דאס פלייש אויפן אש, און דערלאנגט עס צום עסן.

—געניסט דערפון, ס'איז ווילד פלייש געבראטן אין הייסן אש פאר אייערע אייגענע אויגן.

אבער קיינער האט זיך צום פלייש ניט צוגערירט. צוזעענדיק ווי דאס רויע פלייש איז געבראטן געווארן, גארניט נאכן שטייגער ווי זיי זיינען געוואוינט געוועזן, האט עס זיי גע'מיאוס'ט.

—נו, זעט איר שוין—האט די פרינצעסין אויסגערופן מיט נצחון—יוען אדם וואלט געזען ווי אזוי די פרוי איז באשאפן און פונוואנען זי האט זיך גענומען, וואלט ער זיך גע'מיאוס'ט צו איר צוצורירן.

און דער שלאנג איז געווען קלוגער פון אלע חיות (בראשית ג, א').

די חיות פון פעלד האבן אמאל געפרעגט דעם שלאנג: וואס פאר א פארגעניגן האסטו וואס דו לאזט אריין דיין גיפט אין אן אומשולדיקן מענשן? מילא מיר, טוידטן א מענשן כדי צו עסן זיין פלייש, דו אבער עסט דאך ניט דעם מענשנ'ס פלייש, טא פארוואס יוכסטו אים צו פארגיפטן?

—מיך פרעגט איר?—האט דער שלאנג זיך געבייזערט—פארוואס ניט פרעגן די דאזיקע קשיה ביים מענשן? ער רעדט לשון הרע, מאכט אן אלערליי פליאטקעס, דערציילט רכילות און שקרים, און פאר'סמ'ט זיין פריינד'ס לעבן. וואס פאר א נוצן האט ער דערפון? פארוואס טוט ער עס?

—פארוואס—האבן די חיות געוואלט וויסן—צישעט (רוישט) דיין צונג בעת דו לאזט ארוים דעם גיפט?

—דערפאר וואס מיין גאנצער כח און גיפט, ווי דער כח און גיפט ביים לשון-הרע'ניק, ליגט בלויז אין דער צונג.

אן אנדער מעשה'לע דערציילט זיך:

דער קאפ און דער עק פון שלאנג האבן זיך צוקריגט. פארוואס, האט דער עק גע'טענה'ט, גייסטו תמיד פאראוים און איך מוז זיך כסדר

נאָכשלעפּן? איך וויל אויך אַמאָל האָבן דעם כבוד, און פאַרגעניגן צו זיין א פירער.

כדי זיך ניט אַריינצולאָזן אין גרויסע מחלוקות'ן האָט דער קאָפּ נאָכגעגעבן. ער, דער עק, איז געגאַנגען פאראויס, און דער קאָפּ האָט זיך תם'עוואטע נאָכגעשלעפּט.

האָט עס אבער לאַנג ניט אנגעהאלטן. אן דעם קאָפּ איז אלץ געגאַנגען „מיטן קאָפּ אַראָפּ". ראשית, האָט דער עק דעם שלאַנג פאַר־שלעפּט אין א וואסער. אַרויס פון דער צרה, איז דער עק פאַרקראָכן אין א פייער. אַנטלויפנדיק שוין א צעברענטער און צעסמאַליעטער, איז ער ערשט אויפסניי פאַרקראָכן צווישן געדיכטע שטעכעדיקע דערנער.

און זי האָט אויך געגעבן צו איר מאַן און ער האָט געגעסן (בראשית ג,ו).

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס איז דער סדר העולם דער מאַן זאָל מפרנס זיין א פרוי און ניט פאַרקערט? ענטפערט די וועלט: איינמאָל האָט חוה געפּרובירט שפּייזן איר מאַן, האָט מען נאָך איצטער צו זינגען און צו זאָגן . . .

ווערליק דעם מדרש, האָבן זיך אדם און חוה געלעבט גליקלעך אין גן עדן, נאָר די בייזע שלאַנג האָט אָנגערייצט חוה'ן אז גאָט וויל באַשאַפן א צווייט מענשן־פּאָרל און האַלט פאַר זיי רעזערווירט דעם עץ הדעת.

אודאי האָט אדם פאַרזאָגט חוה'ן זיך ניט צו לאָזן פאַרפירן, אָבער אַזוי איז עס שוין: דעם שלאַנג פאָלגט מען תמיד בעסער איידער אַן אייגע־נעם מאַן, און זינט יענעם שלאַנג איז געלונגען צו פאַרפירן חוה'ן, פּרובירן איצטער א סך שלאַנגען פאַרפירן חוה'ס.

און די אויגן פון ביידן זיינען אויפגעעפנט געוואָרן און זיי האָבן דערזען אז זיי זיינען נאַקעט, האָבן זיי צוזאַמענגענייט בלעטער פון א פייגנבוים און זיך געמאַכט גאַרטלען (בראשית ג, ז׳).

דער מדרש דערקלערט, אז נאָכן זינדיקן האָט אדם זיך דערזען נאַקעט און פאַרשעמט. איז ער אַרומגעלאָפן פון בוים צו בוים, און גע־בעטן אים געבן בלעטער צוצודעקן די נאַקעטקייט. קיינער האָט אים אָבער ניט געוואָלט געבן קיין בלעטער, און אים מיט פאַראַכטונג פאַרשטויסן:

—זעט נאָר, זעט, דעם מענשן וואָס האָט פאַרראַטן זיין באַשאַפער!

—האָבן אַלע אים נאָכגעשריען.

דער איינציגער בוים וואָס האָט אויף אים רחמנות געהאַט, איז געווען דער פייגנבוים, דער זעלבער בוים מיט וועמענס פרוכט אדם האָט געזינדיקט.

און ער האָט געזאָגט: דיין שטים האָב איך געהערט אין גאָרטן, האָב איך מורא געקראָגן ווארן איך בין נאקעט און איך האָב מיך דאריבער באהאלטן (בראשית ג, י׳).

אַט אַזוי איז דער מענש. ווייסט ער שוין יאָ אַז ער איז זינדיק, האַלט ער זיך נאָך אַלץ אין איינשמועסן אַז ער האָט ניט געמיינט קיין שלעכטס און זוכט אפילו גאָט אָפּצונאַרן. גאָט האָט אדם׳ען געפרעגט: איכה? וואו ביסטו פארקראָכן, און אין וועלכן זינדיקן אָפּגרונט ביסטו אריינגעפאַלן? אדם אָבער, אויפן אָרט פון אויסרופן: חטאתי, איך האָב געזינדיקט! הויבט ער אן דרייען מיטן צונג און פרובירט מאכן א פרומען אנשטעל.

און גאָט האָט געזאָגט: ווער האָט דען דיר געזאָגט אַז דו ביסט נאקעט? איז עס ניט דער בוים וואָס איך האָב דיר פארזאָגט ניט צו עסן און דו האָסט יאָ געגעסן? (בראשית ג, י״א).

דער מדרש (בראשית רבה פרשה י״ט) האָט דארויף אַ שיינעם משל.

אַ פרוי איז אַריין צו איר׳ס אַ שכנ׳טע וועמענס מאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דרעסירן גיפטיקע שלאַנגען, און פרעגט ביי איר:

—ווי באהאנדלט דיך עפּעס דיין מאַן?

—זער גוט, נאָר ער לאָזט מיך קיינמאָל ניט אָנרירן דעם פאַס אין שפייכלער. ער זאָגט, אַז דער פאַס איז פול מיט גיפטיקע שלאַנגען.

— גלויב אים ניט, נארישע אידענע,—זאגט די שכנ׳טע—ער באַהאַלט אודאי דאָרטן געלד און צירונג פאר אַן אַנדער פרוי.

נעמט די אידענע און שטעקט אַריין איר האנט אין שלאַנגען־פאַס און מאַכט אַ געוואַלט. דערהערט דער מאַן, בייזערט ער זיך:

—האָט זיך דיר ניט געזאָלט פארגלוסטן קריכן צווישן שלאַנגען!

און דער מענש האָט געזאָגט: די פרוי וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פון בוים און איך האָב געגעסן (בראשית ג, י״ב).

שוין דער ערשטער מאַן איז ניט געווען קיין גאַלאַנטער קאַוואַלער. גאָט האָט אים געגעבן אַ פרוי, און ער באַקלאָגט זיך. פאַראַן אַ סך אַזעלכע

מענער. פריער זינדיקן זיי און דערנאָך וואַרפן זיי די שולד אויף דער פרוי, אַז זי האָט זיי נעבאך פאַרפירט. אויך חוה איז ניט געווען איבריק גאַלאַנט, און געוואָרפן די שולד אויף דער שלאַנג. אַלע דריי, אדם, חוה און דער שלאַנג, זיינען גלייך שולדיג געווען, און געקראָגן זייער פאַר־דינטע שטראָף.

צום שלאַנג האָט גאָט געזאָגט: פאַרשאָלטן ביסטו פון יעדער בהמה און יעדע חיה אין פעלד (בראשית ג, י״ד).

זאָגט די גמרא (סוטה ט׳): ווער ס׳יאָגט זיך נאָך אזוינס וואָס נעהערט ניט צו אים, פאַרלירט ער אויך וואָס איז זיינס. גאָט האָט בדעה געהאַט דער שלאַנג זאָל זיין דער מלך איבער אַלע חיות און בהמות, האָט זיך אים אָבער פאַרוואָלט ווערן דער הערשער איבערן מענשן און געוואָרן אַ קריכנדיקער און גיפטיקער וואָרם.

נ ח

נח איז געווען דער צדיק אין זיין דור, ווארן די מענשהייט איז געווען שלעכט און פארדארבן. האט גאט פארטראכט צו ברענגען א מבול, און כדי די וועלט זאל ניט לגמרי אומגעבראכט ווערן, האט גאט באפוילן נח׳ן אופצובויען א תיבה און אהין אריינעמען זיין פאמיליע און צו זיבן פארלעך פון אלע ריינע חיות, בהמות און עופות און צו איינציקע פארלעך פון אומריינע.

דער מבול איז געקומען, און פארפלייצט די וועלט. ווען דער וואסער איז שוין געווען אפגעפאלן, איז נח ארויס פון דער תיבה און באדאנקט גאט פארן חסד. גאט האט דאמאלט געשווארן מערער קיין מבול ניט צו ברענגען, און דער רעגנבויגן איז דער צייכן פון גאט׳ס שבועה.

נח האט פארפלאנצט א וויינגארטן, און זיך גענומען צום טרינקען. איינמאל ווען ער איז געווען פארשכורט, האט זיין מיטלסטער זון, חם, פון אים חוזק געמאכט, און נח האט אים דערפאר פארשאלטן און נאך מערער געטרונקען.

די דערציילונג וועגן מבול איז תמיד געווען דער צילברעט מצד אלערליי „אויפגעקלערטע", וועלכע האבן גע׳טענה׳עט אז ס׳איז גארניטא אזוי פיל וואסער אויף דער וועלט צו באדעקן דעם גאנצן ערדקוגל מיט אלע אירע בערג. נאך א טענה איז געווען, אז ס׳איז פאקטיש אוממעגליך ארייג־צונעמען פארלעך פון יעדן מין חיה, בהמה און עוף אין א תיבה פון בלויז דריי הונדערט איילן די לענג, פופציק איילן די ברייט און דרייסיק איילן די הויך.

האט אבער די וויסנשאפטלעכע וועלט שוין לאנג באשטעטיקט יעדע דערציילונג אין דער תורה און בתוכם אויך די מעשה מיטן מבול. מ׳האט קודם כל אויסגעפונען צייכנס אויף די סאמע העכסטע בערג, אז זיי זיינען אמאל געווען אונטערן וואסער. והשנית האט מען אויסגעפונען, אז אין דער פריסטער יוגנט פון דער וועלט זיינען די חיות, בהמות און פויגל געווען

נאָך אין אַ גאָר קליינער צאָל. אגב, איז די תורה ניט די איינציקע וואָס דערציילט וועגן אַ מבול. אויך די באַבילאָנער די „מאַיאַס", די „אַצטעקן", די „קאַריפּן" און אַנדערע אוראַלטע פעלקער דערציילן וועגן אַ מבול. אַפילו פּלאַטאָ אין זיינע געזעצן רעדט אויך וועגן אַ מבול.

און אויב מ'וויל עקזיסטירט נאָך איצטער דער מבול: די וועלט איז אַ פאַרדאָרבענע, פאַרפלייצט מיט מאָרד און רויב, און אין דער דאָזיקער פאַר־דאָרבנקייט געפינט זיך דער „צדיק בדורותיו", דער איד, וואָס הגם ער אַליין איז אויך ניט אַזוי אַי־אַי, איז ער אָבער אַלץ דער צדיק אין זיין דור וואָס שווימט אַרום אין אַ לאַנגן גלות־קאַסטן און זוכט אַן אָרט וואו צו רוען.

און נח האָט געבוירן דריי זין: שם, חם און יפת (בראשית ו, י).

ווערליק דעם מדרש זיינען זיי געווען פאַרשידן אין כאַראַקטער. שם, דער עלטסטער, פון וועמען מיר אידן קומען אַרויס און זיינען אַ טייל פון דער סעמיטישער (שם) ראַסע, איז געווען אַ פרומער און בעל מידות. חם, דער מיטעלער, איז געווען אַ שלעכטער און ווילדער. יפת, דער אינגסטער, איז געווען אַ פּוסטער בעל גאוה. די דריי זין האָבן גורם געווען, אַז זייער טאַטנ'ס צדקות זאָל זיין אין ספקות און ער אַליין זאָל האָבן ווייניק נחת.

דער סלאָנימער רב, ר' אייזעלע חריף, ז"ל, איז אַמאָל אַרומגע־גאַנגען זאַמלען אויף אַ נויטיקער זאַך, און אַריין צום גביר פון שטאָדט, אַ גרויסער קמצן, און געבעטן אַ נדבה. זאָגט דער גביר: רבי, צי וואָס האָט איר זיך מטריח געווען, ווייסט איר דען ניט אַז איך בין אַ בן נח וואָס לאָזט זיך, ווי די גמרא זאָגט, הרגענען פאַר אַ גראָשן?

—יאָ, כ'ווייס אַז איר זענט אַ בן נח—ענטפערט דער חריף—דאָך וואונדערט מיך אויף אייך: נח האָט דאָך געהאַט דריי זין, טאָ פאַרוואָס האָט איר זיך דווקא אויסגעקליבן צו זיין דער מיטלסטער, דער כאַם (חם)?

פאַרוואָס זיינען זיי געקומען צו נח'ן (בראשית ז,ט).

אַז נח האָט שוין געהאַט אויסגעבויט די תיבה און אָנגעהויבן אַריינ־צונעמען די פאַרלעך, איז צו אים געקומען דער שקר און געפאָדערט אַז אויך ער זאָל אַריינגענומען ווערן. נח'ן איז אָבער ניט געווען ניחא, האָט ער מיטן שקר אַרגומענטירט:

—איך האָב אַ באַפעל אַריינצונעמען בלויז פאַרלעך, אַז ער און אַ זי, און דו ביסט דאָך אַליין.

האָט זיך דער שקר ניט פארלאָרן, אוועק צום שלימזל, מיט אים אויף גיך חתונה געהאט און געוואָרן א געזעצלעך פּאָרל. נח האָט זיך מער ניט געקענט קיין עצה געבן, און דעם שקר מיטן שלימזל געמוזט אריינלאָזן אין תיבה. און זינט דאַמאָלט זיינען ביידע תמיד צוזאמען.

אין א שטעטל איז אמאָל געווען א חזן, א בעל עבירה'ניק, וועמען דער רב האָט, נאַטירלעך, ניט ליב געהאט. מאכט זיך איינמאָל אין א שמיני עצרת, אז ווי נאָר דער חזן האָט זיך געשטעלט זאָגן גשם האָט גענומען גיסן א שלאַקס רעגן. נאָכן דאַוונען בארימט זיך דער חזן, אז ער איז א גרויסער חשוב ביי גאָט און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן בעטן אויף רעגן, איז דער רעגן געקומען.

דער רב, א גרויסער חכם, האָט אים אָבער גלייך אָפּגעענטפערט: וואָס איז דאָ דער חידוש? אזעלכע אידען ווי איר האָבן שוין אמאָל ניט בלויז א רעגן נאָר א גאַנצן מבול אראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט.

און די טויב איז צו אים געקומען פארנאכט-צו, און אן אָפּגע-ריסענער אליוו-בלאַט אין איר מויל (בראשית ח, י"א).

ביים סוף פון יאָר האָט נח עטליכע מאָל ארויסגעשיקט א פויגל פון קאסטן אויסצוגעפינען צי דער וואסער איז שוין אָפּגעפאַלן, און ווען די טויב איז געקומען מיט א בלאַט אין מויל האָט ער פארשטאַנען אז דער מבול איז פארענדיקט. זאָגט אויף דעם רש"י: אומר אני שזכר היה, איך זאָג אז די טויב איז געווען א זכר. פרעגט די וועלט: פונוואַנען ווייסט רש"י, אז די טויב איז געווען א זכר און ניט קיין נקבה? ענטפערט די וועלט: אז א זי וואָלט לאַנג ניט געהאַלטן א בלאַט אין מויל וואָס זאָל איר שטערן כאַפּן א שמועס.

און גאָט האָט געזאָגט צו זיך: איך וועל מער ניט פארשילטן די ערד צוליב'ן מענטש, ווארן דער ווילן פון מענטש'ס הארץ איז שלעכט פון דער יוגנט אָן (בראשית ח', כ"א).

אין דער גמרא ווערט געבראַכט דער דין, אז אן אָקס וואָס שטויסט א מענטשן ווערט ער באַשטראָפט בלויז ווען ער טוט עס מיט אייגענער בייזווילגקייט. כי יגח — ולא שיגיחוהו אחרים. ווען א מענטש רייצט דעם אָקס אָדער לערנט אים צו שטעכן מיט די הערנער, איז דער אָקס אומשולדיק. אָט אזוי זאָגט גאָט: דער מענטש איז אומשולדיק, ווייל ער ווערט פון סאַמער יוגנט אָן גערייצט און געשטויסן צו טאָן שלעכטס (גזור החיים).

דער אבני חן דערקלערט: גאָט זאָגט, אז דער מענש זינדיקט ניט מחמת ער איז בעצם פאַרדאָרבן, נאָר ווייל ער איז נאָך יונג און ניט גענוג גייסטיק דערוואַקסן!

און נח דער ערד-מענש האָט אָנגעהויבן און פאַרפלאַנצט א ווײַנגאָרטן (בראשית ט,כ).

דער מדרש זאָגט: ויחל—נעשה חולין, נח איז געוואָרן פּראָסט, וואָכנדיק, און דערפאַר האָט ער פאַרפלאַנצט ניט א פייגנבוים און ניט א מײַטלבוים, נאָר א ווײַנגאָרטן צו האָבן גענוג צו שיכור'ן.

די אגדה געפינט אָבער א זכות אויף נח'ן און דערציילט, אז איינמאָל האָט נח פאַרשפּעטיקט געבן דעם לייב עסן, איז דער לייב געוואָרן בייז און אים א קלאַפּ געגעבן מיטן עק. דער דאָזיקער קלאַפּ האָט אים קראַנק געמאַכט און אַרײַנגעוואָרפן אין א מרה שחורה. אגב, האָט נח'ן פאַרדראָסן וואָס די מענשן זײַנען ניט געוואָרן בעסער אפילו נאָכן מבול, און פון פאַרדרוס האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזן אין טרינקען.

איינמאָל ווען ער איז געקומען צו זיך פון שיכרות, האָט נח באַמערקט ווי ער איז צוגעדעקט מיט א פּרעמדן מאַנטל און באַלד דאַרויף האָט ער דערזען ווי זײַן איינקל, דער מוזיניק פּונם שוואַרצן חם, שטייט בײַם געצעלט און רייצט זיך: אַלטער שיכור, דעק זיך צו, מ'זאָל דײַן שאַנד ניט אַרויסזען! נח האָט אָנגעהויבן שילטן, און זיך ווידער גענומען צום טרינקען. פּונקט דאַמאָלט זײַנען אָנגעקומען זײַנע צוויי זין, שם און יפת, און אים פריינטלעך גענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט:

—ליבער טאַטע, דיר איז אודאי ניט גוט אויפן האַרצן, טאָ קום לייג זיך צו אויף א ווייל.

אַז נח האָט דערהערט די פריינטלעכע רייד, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און א נדר געטאָן מער ניט צו טרינקען.

דערבײַ דערציילט די אגדה זער א שיין כאַראַקטעריסטיש מעשה'לע:

בעת נח האָט אָנגעהויבן פאַרפלאַנצן זײַן ווײַנגאָרטן, האָט דער שטן אים געגעבן עטלעכע פריינטלעכע און פּראַקטישע עצות. ווען דו וועסט פאַרפלאַנצן דעם ווײַנבוים—האָט דער שטן אים גע'עצה'ט—זאָלסטו קוילענען דריי באַשעפענישן: א לייב, א לעמעלע און א חזיר, און מיט זייער בלוט באַגיסן די פלאַנצונג. נח האָט דעם שטן געפאָלגט און זינט דאַמאָלט האָט דער ווײַן אין זיך די אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע דריי מינים: מיטן

ערשטן גלעזל וויין, ווערט דער מענש שטארק ווי א לייב; מיטן צווייטען— שטיל און שוואך ווי א לעמעלע: מיטן דריטן—וואלגערט ער זיך שוין אין בלאטע ווי א חזיר.

און תרח האט גענומען זיין זון אברם און זיין אייניקל, לוט, דעם זון פון חרן, און שרי זיין שנור, די ווייב פון זיין זון אברם, און זיי זיינען מיט אים אוועקגעגאנגען פון אור כשדים (בראשית י"א, ל"א).

תרח איז געווען צופרידן מיט אור כשדים, אים איז דארטן געווען גוט, האט פאבריצירט געטשקעס און געווען אנגעזען צווישן די פריסטער. האט אבער דער „אברם בנו" צושטערט זיין רואיקייט און זיכערקייט. עפעס רעדט ער, דער יונגער אברם, וועגן אן איינציקן גאט וואס האט קיין גוף נית און קאן ניט געזען ווערן; עפעס איז ער, דער יונגער אברם, תמיד פאר'חלום'ט, רעדט וועגן אחדות חבורא און אהבת הבריות, און שטורעמט קעגן נמרוד'ן דעם מעכטיקן מלך און אפגאט. ויצאו אתם—האט תרח, נעבאך געמוזט אויף דער עלטער אנטלויפן מיט דער פאמיליע אזש אין לאנד כנען.

וועדליק דער גמרא (נדרים ל"ב) איז אברהם אלט געווען בלויז דריי יאר ווען ער האט דערקאנט זיין באשאפער. די מדרשים און אגדות, ווי אויך דער היסטאריקער יאזעפוס און אנדערע, זיינען פול מיט מעשה'לעך וועגן זיינע קינדער יארן:

אז אברהם איז געבוירן געווארן—דערציילט די אגדה—האט אים זיין טאטע תרח, באהאלטן אין א הייל. נמרוד, דער קעניג וואס האט זיך געהאלטן פאר א גאט, האט זיך דורך זיינע שטערנזעער דערוואוסט, אז ביי תרח'ן וועט געבוירן ווערן א זון וואס וועט באקעמפן די אלטע געטער. האט ער ארויסגעגעבן א באפעל דאס אינגעלע צו טוידטן ביים געבורט. תרח האט אבער רחמנות געהאט אויף זיין קינד, און אים באהאלטן אין א פינסטערער הייל. דארטן, אין הייל, זיינען געפלאסן צוויי קוואלן: איינער מיט האניק און דער אנדערער—מיט בוימאייל. פון די דאזיקע צוויי קוואלן האט דאס קינד געשעפט זיין שפייז, און אויסגעוואקסן שטארק און געזונט. פון זיך אליין איז אברהם געוואקסן, ווי די הייל וואלט אים געווען א טרייע מאמע. אז ער האט געלאכט, האט די הייל באהאלטען דעם געלעכטער זייטיקע מענשן זאלן ניט הערן און דערציילן דעם קעניג. ווען אברהם איז אלט געווארן דריי

יאר, איז ער ארויס פון הייל און הגם ער האָט קיינמאָל ניט געהערט קיין מענשן ריידן, האָט ער דאָך גערעדט און פאַרשטאַנען ווי אַ דערוואַקסענער.

אויף דער פריי האָט ער דעם ערשטן מאָל דערזען די זון. נאָך פריער האָט ער געהאַט אַ באַגריף וועגן דער זון, אָבער ער האָט איר קיינמאָל ניט געזען אַזוי לויטער און וואַרעם. איצטער אַז ער האָט דערזען די זון אין פולער שיינקייט, האָט ער אָנגעהויבן זינגען שירה און שבחה ווי צו אַ שעפערישן כח. פאַרנאַכט, אַז די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, איז אברם געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: צי וועמען וועל איך איצטער זינגען מיין געזאַנג? אויב די זון איז גאָט און דער גרעסטער כח, טאָ פאַרוואָס פאַרשווינדט זי?

די נאַכט איז צוגעפאַלן, און די לבנה האָט אויפגעשיינט. מיליאָנען שטערן האָבן זיך צעפינקלט, און אברם האָט זיך ווידעראַמאָל צעזונגען: די לבנה איז גאָט! פאַרטאָג האָט די לבנה זיך גענומען בלייכן, און די זון איז ווידער אויפגעגאַנגען. ווידער איז אברם געשטאַנען פאַרוואונדערט, און פון גרויס אנטוישונג צוריק אַוועק אין הייל און דאָרטן אנטשלאָפן געוואָרן. ווי ער האָט נאָר פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער דערהערט דעם רוף פון גאָט, און אַ געזאַנג, וואָס איז געוועזן שענער און העכער, האָט אים דורכגענומען:

—ניט די זון און ניט די לבנה זיינען מיינע באַשעפער, נאָר דער גאָט וואָס איז איבער זיי אַלעמען, דער גאָט וואָס גייט ניט אויף און גייט ניט אונטער, ד׳ אחד!

און וויל מען באמת צוקומען צום ליכטיקן אָנהויב פון יענעם גאָלדענעם וואונדער־פּאָדעם פון וועלכן ס׳האָט זיך אויסגעשפּונען דער אייביק אידיש־גייסטיקער געוועב, דאַרפן מיר ניט גיין אין מצרים און ניט צום הר סני, נאָר אין דעם אַלטן כאַלדייאישן לאַנד כשדים, אין שטעדטעלע, וואו ס׳איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער איד—אברהם!

איינמאָל—דערציילט די אגדה—ווען אברהם איז געוועזן אַליין אין שטוב, איז אַריין אַן אַלטער מאַן און געבעטן אים פאַרקויפן אַ גאָט. זאָגט צו אים דער יונגער אברהם:

—זיידעניו, ווי אַלט זענט איר?

—דריי מאָל צוואַנציק—ענטפערט דער אַלטעטשקער.

—דריי מאָל צוואַנציק—זאָגט אברהם מיט פאַרדרוס—און דאָך קויפט איר אַ גאָט וואָס איז קיין טאָג ניט אַלט און געמאַכט פון מענשלעכע הענט?!

פאַרשעמט זיך דער אַלטעטשקער, און גייט אַוועק. נאָרוואָס אַרויס, קומט אַריין אַ פרוי, מיט אַ קאַרב עסנוואַרג און בעט די געטער עסן. טענה'עט צו איר אברהם: גלויבסטו טאַקע אַז די געטער קענען עסן? אדרבה, פּרוביר זיי שטופּן אין מויל אַריין! פאַרשעמט זיך די פרוי און אַנטלויפט.

איינמאָל האָט אברהם גענומען דאָס עסנוואַרג וואָס מ'האָט געבראַכט און אַוועקגעשטעלט פאַרן גרעסטן אָפּגאָט. די איבריקע האָט אברהם צו־שמעטערט, און די האַק אַריינגערוקט דעם גרויסן אָפּגאָט אין האַנט. אַז תרח איז אַהיימגעקומען און דערזען דעם חורבן, פרעגט ער:

—ווער האָט אַזוי צע'ממית'ט די געטער?

—אָט דער גרויסער גאָט וואָס האַלט די האַק אין זיין האַנט—ענטפערט אברהם — זיי האָבען געוואָלט אַוועקנעמען דאָס עסנוואַרג, האָט ער געכאַפּט די האַק און זיי געטוירדט.

—ליגנער, שקרן, כזבן,—בייזערט זיך תרח—ווי קאָן אַ הילצערנער גאָט טוידטן?

—און דאָך, טאַטעניו,—טענה'עט ערנסט אברהם,—גלויבסטו אין אַזעלכע געטער!

תרח איז געוואָרען אין כעס, און אברהם'ן פאַרטריבן, וואַרנענדיק אים אַז אויב ער וועט ריידן קעגן די געטער וועט ער אים איבערגעבן נמרוד'ן אין די הענט. אברהם האָט אָבער זיין מוט ניט פאַרלאָרן, און אַוועק צווישן פאָלק פרעדיקן דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט. די פּריסטער האָבן זיך גיך דערוואוסט, האָט מען אים געכאַפּט און געבראַכט צו נמרוד'ן.

—בוק זיך צום גאָט פון פייער!—באַפעלט נמרוד.

—דער וואַסער איז שטאַרקער פון פייער — ענטפערט אברהם.

—טא, בוק זיך צום גאָט פון וואַסער!

—ניין, דער וואָלקן קאָן דעם וואַסער אַוועקטראָגן.

—בוק זיך צום וואָלקן—איז נמרוד שוין נאָכגעביק.

—דער ווינדט איז שטאַרקער פון וואָלקן. דער אמת'ער גאָט איז וואו איך קער זיך זע איך אַ צייכן פון זיין גרויסקייט. דער אל שדי, דער איינציקער מעכטיקער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן אַלץ און אַלעמען. דעם דאָזיקן גאָט דערפיל איך מיט אַלע מיינע חושים, און

—ער לעסטערט די געטער! טוידטן דארף מען אים, טוידטן!—האָט נמרוד ווילד געשריען, און געלאָזן אים אריינוואַרפן אין אַ ברענענדיקן קאַלכאויוון.

איז דער קאַלכאויוון פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעכטיקן גאָרטן מיט די געשמאַקסטע פּרוכטן, און אברהם האָט אין אים אַרומשפּאַצירט און געטראַכט פון גאָט דעם כח שבכל הכחות.

שטייט דער מעכטיקער קעניג נמרוד ביים קאַלכאויוון און זעט: דער פייער ברויזט און זשוזעט, שרייט מיט זיין רויטן מויל און וויל זיין קרבן פאַרצוקן און קאָן ניט. און—דערציילט די אגדה—נמרוד און זיינע שרים האָבן איינגעזען די גבורה פון אל שדי און אָנגעהויבן אין אים צו גלויבן.

לך - לך

און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם'ען: גיי אוועק פון דיין לאנד און פון דיין געבורטסאָרט און פון דיין פאָטער'ס הויז, און (גיי) אין דעם לאנד וואָס איך וועל דיר ווייזן (בראשית י"ב, א').

נאכדעם ווי אברם האָט דערקאָנט די אמת'ע גאטהייט און פראָקלאמירט פאַר דער וועלט די אחדות הבורא, יוערט אים ענג זיין געבורטסאָרט און פרעמד זיין פאמיליע־קרייז. דאמאָלט דערהערט ער גאָט'ס באפעל: לך לך מארצך — גיי אוועק פון דיין לאנד און דערווייטער זיך פון די געצנדינער! און אָט אזוי הויבט זיך אָן די מעשה מיט'ן וואנדערנדיקן אידן: גיי, איד, גיי פון דיין לאנד און געבורטסאָרט. וואוהין? — אל הארץ אשר אראך! דו אָנווייזן אַן אָרט וואו זיך צו באזעצן.

און איך וועל דיך מאכן פאַר א גרויס פאָלק און איך וועל דיך בענטשן און איך וועל גרויס מאכן דיין נאָמען און דו וועסט זיין א בענטשונג (בראשית י"ב, ב').

אז דו, אברהם, וועסט זיין דערווייטערט פון די גויים, די געצנדינער און פאגאניסטן, די פארווילדעוועטע און אבערגלויבער, אעשך לגוי גדול— וועל איך דיך דאמאָלט מאכן פאַר א גרויס פאָלק. בלויז ווען דו וועסט זיך ניט אסימילירן נאָר פארבלייבן אין דיין גייסטיקער גרויסקייט מיט דיין אייגנאַרטיקער תורה־קולטור, בלויז דאמאָלט קענסטו זיין א גרויס פאָלק.

מ'דערציילט: א ישיבה בחור האָט זיך באקלאָגט אז ער האָט פאַרלאָרן דעם חשק צום לערנען, רופט זיך צו אים אָפּ דער ראש הישיבה: זיי מתפלל, וועט דיר השם יתברך אומקערן דעם חשק.

אליין וועסט קיינמאָל ניט וויסן וואוהין, אָבער איך, גאָט, וועל דיר שויז — אָבער רבי — טענה'עט דער ישיבה בחור —כ'האָב דערצו אויך קייז חשק ניט.

— אויב אזוי — זאָגט דער ראש הישיבה — הער אויף דאַוונען ביחידות און זיי מקפיד צו דאַוונען בציבור, וועט דער זכות פון ציבור אויף דיר מגין זיין.

— אָבער רבי, כ'האָב פיינט בתכלית השנאה דעם אידישן ציבור. מ'רעדט רכילות, מ'קריגט זיך אַרום, מ' באַשווינדלט און מ'באַ'גנב'עט.

— אויב אַזוי, זאָגט דער רבי, מוזט דו ווערן אַ נע ונד'ניק, און ערשט דאַמאָלט וועסטו דערזען אַז די גויים זיינען אַ סך ערגער, און אַז זיי אַליין זיינען שולדיק אין אונזערע שלעכטע געוואוינהייטן.

רש"י זאָגט: אָט דאָס וואָס שטייט אין דער תורה „איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק", מיינט מען וואָס מ'זאָגט אין דער שמונה עשרי „אלקי אברהם", דער גאָט פון אברהם; „און איך וועל דיך בענטשן", איז וואָס מ'זאָגט „אלקי יצחק"; „און איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען" איז וואָס מ'זאָגט „אלקי יעקב". וועסטו דאָך מיינען, אַז מ'וועט די תפילה ענ־דיקן מיט אַלע דריי, מיט אברהם, יצחק און יעקב, זאָג איך דיר, אַז מ'וועט פאַרענדיקן בלויז מיט דיר אַליין, מ'וועט זאָגן: ברוך אתה ה' מגן אברהם.

דער געדאַנק אין רש"י איז אַזוי: גאָט זאָגט צו אברם'ען: מ'וועט תמיד דערמאָנען דיך צוזאַמען מיט יצחק'ן און יעקב'ן, ווייל איר דריי סימ־באַליזירט דעם אידישען לעבן: דו, אברם, סימבאָליזירסט דעם גלויבן אין אחדות הבורא; יצחק סימבאָליזירט דעם גיין צו דער עקדה; און יעקב סימבאָליזירט דעם זיין אַ וואַנדערער. מיין אבער ניט אַז „בכולם חותמין", אַז דער אידישער לעבן וועט זיך פאַרענדיקן מיט די דאָזיקע דריי סימבאָלן. ניין, „בך חותמין", ס'וועט קומען אַ צייט וואָס מ'וועט דעם אידן מער ניט פירן צו דער עקדה און ער וועט מער ניט זיין אין גלות, בלויז דו, אברהם, וועסט דאַמאָלט זיין דער סימבאָל — דער גלויבן אין אחדות הבורא!

און לוט איז מיט אים מיטגעגאַנגען (בראשית י"ב, ד").

קיין סך פרייד האָט אברהם ניט געהאַט. ער איז שוין געווען פינף און זיבציק יאָר אַלט ווען ער האָט גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט, און אַ חוץ וואָס ער האָט באַדאַרפט באַשיצן זיין ווייב, שרה, יועלכע איז דוקא געווען אַ שיינע, האָט ער נאָך געהאַט אויף זיין קאַרק לוט'ן, דעם זון דעם טונקעלען שאָטן, ווי אַ קאָנטראַסט צו דער גרויסער ליכטיקייט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אברהם'ס פיינע מידות.

פון זיין ברודער הרן. קאָנטיק, אַז די תורה האָט בכיון נאָכגעפירט לוט'ן,

און ס'איז געווען א קריג צווישן אברהם'ס פאסטוכער און די פאסטוכער פון לוט, און דער כנעני און דער פריזי האָבן האמאָלט באַוואוינט ס'לאנד (בראשית י"ב, ז").

אברהם איז נאָכגעביק, ווייל לעבן בשלום, גייט אים אָבער כסדר נאָך דער שאָטן און קריגט זיך ווי די ערד וואָלט אים געווען ווייניק. און אָט דאָס דאַזיקע מיינט אודאי דאָ דער פסוק צו זאָגן: וואָס קריגט איר זיך דאָ ארום, והכנעני והפריזי אז יושב בארץ — ס'לאנד איז דאָך נאָך ניט אייערס, דער כנעני און דער פריזי זיינען דאָך נאָך אין לאנד.

לוט איז אַ ביטערער חברה־מאַן, און האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן. ווערט ער מלא'דיק, קוקט ער אויף זיך ווי אויף אַ פערזענליכקייט. קריגט ער זיך מיט אברם'ס פאסטוכער, מיט אליעזר'ן, מאַכט שפּאַס פון ישמעאל'ן, און פּראָקלאַמירט זיך פאַר דעם איינציקן יורש. מיט אַזוינעם וואָס פאַזירט און איז נאָך אַ שיכור אויך, איז ניט פּראַקטיש צו האָבן וכוחים. קיין גערעכטיקייט קאָן מען ביי אַזוינעם ניט געפינען, און דער בעסטער אופן איז פון אים פּטור צו ווערן. טוט אַזוי אברם, און גיט אים די ברירה זיך אויסצוקלייבן אַ טייל לאנד. וועסטו גיין רעכטס, וועל איך גיין לינקס; וועסטו גיין לינקס, וועל איך גיין רעכטס. קלייבט טאַקע לוט אויס די פעלדער נעבן די צוויי פאַרדאָרבענע שטעדט, סדום און עמורה, לעבט זיך, משמעות, איין אין זייער שלעכטסקייט און אויסגעלאסנקייט, און ווערט דאָרטן אַ גאָר גרויסער יחסן. אַזוי גיך ווי לוט, דער שאָטן, דערווייטערט זיך פון אברהם'ען, באַווייזט זיך צו אים גאָט און הייסט אים אויפהויבן די אויגן און קוקן מזרח, מערב, צפון און דרום, ווייל „ס'גאַנצע לאנד וואָס דו זעסט וועל איך געבן דיר און דיינע קינדער אויף אייביק".

און איך וועל מאַכן דיינע קינדער אַזוי פיל ווי דער שטויב פון דער ערד (בראשית י"ג, ט"ז)

דער מדרש פאַרטייטשט: אַזוי ווי דער שטויב שפּרייט זיך פון איין עק וועלט צום אַנדערן, אַזוי וועלן דיינע קינדער זיין צעשפּרייט; אַזוי ווי די ערד ווערט געטראָטן פון אַלעמען, אַזוי וועלן דיינע קינדער געטראָטן ווערן פון אַלעמען: אַזוי ווי דער שטויב לעבט אריבער אַלע מעטאַל־עלעמענטן, אַזוי וועט דער איד אַלעמען איבערלעבן.

און אברהם האָט דערהערט אַז זיין ברודער איז געפאַנגען (בראשית י״ד, י״ד).

אַז לוט האָט זיך באַזעצט צווישן די סדום׳ניקעס, מאַכט זיך תיכף אַ מלחמה צווישן פיר מלכים פון שנער־געגנט און די פינף מלכי סדום. די מלכים פון סדום פאַרלירן, און לוט ווערט געפאַנגען. דערוויסט זיך אברם אַז „נשבה אחיו". אַז זיינער אַ ברודער איז געפאַנגען, באַוואָפנט ער זיינע קנעכט און באַדינער, צוזאַמען בלויז דריי הונדערט און אַכטצן מענשן, און גייט מלחמה האַלטן מיט די זיגרייכע מלכים. לוט איז אַ שלעכטער, אַ זינדיקער, אויז בלויז אַ פּלימעניק, אָבער ווען ער ווערט געפאַנגען פון אַ שונא באַ־טראַכט אים אברהם ווי אַ ליבליכן ברודער.

אברהם באַזיגט די פיר מלכי שנער, באַפרייט לוט׳ן, און נעמט אָפּ אַלץ וואָס די זיגער האָבן אַוועקגערויבט. דער קעניג פון סדום קומט אברהם׳ען אנטקעגן, און בעט זיך: תן לי הנפש והרכוש קח לך — גיב מיר אָפּ צוריק מיינע מענשן, און דעם פאַרמעגן האַלט פאַר זיך. אברהם אָבער ענטפערט אים: אפילו אַ שוכבענדל נעם איך ניט, כדי זאָלסט ניט זאָגן אַז דו האָסט אברהם׳ען רייך געמאַכט. פון סדום׳ניקעס טאָר מען, משמעות, ניט נהנה זיין, ווייל ס׳איז זיך פון זיי ניט אויסצוצאָלן.

דער מדרש זאָגט: אברהם האָט זיך אַזוי מוסר נפש געווען צו ראַ־טעווען לוט׳ן, ווייל לוט איז געווען ענלעך צו אים און אויסגעזען ווי אַ צווילינג־ברודער. האָט אברהם מורא געהאַט, אַז נמרד וועט זיך באַנוצן מיט לוט׳ן און מיט זיין שלעכטער פירונג צו באַווייזן אַז אברהם האָט אויפגעגעבן דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט.

און מלכי צדק, דער מלך פון שלם, האָט ארויסגעבראַכט ברויט און וויין, און ער איז געווען אַ כהן צום העכסטן גאָט (בראשית י״ד, י״ח).

אויפן יסוד פון דעם דאָזיקן פסוק, ווערט מלכי צדק באַטראַכט פאַר׳ן ערשטן געצנדינער וואָס האָט אָנגענומען דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט. אין ליכט פון דער וויסנשאַפט, ווערט דער דאָזיקער פאַקט פולשטענדיק באַ־שטעטיקט, ס׳האָט אמאָל עקזיסטירט אַ טענדענץ אפצולייקענען אַלץ וואָס געפינט זיך אין תנ״ך און עס צו באַטראַכטן ווי לעגענדעס און אַלעגאָריעס. די לעצטע אויסגראָבונגען וואַרפן אָבער אַ גאַנץ ניי ליכט, און די שטיינער און ציגל זאָגן איצטער עדות אויף דער וויכטיקייט פון די היסטאָרישע גע־שעענישן ווי זיי ווערן דערציילט אין דער תורה. די ליימענע טאָוולען וואָס

זיינען אויסגעגראבן געווארן אין תל אמארנא, עגיפטן, באשטעטיקן אז נאך לאנג פאר יציאת מצרים האט אין כנען עקזיסטירט א מעטראפאליע וואס האט געהייסן אריסלאמו (ד. ה. עיר שלם. ירושלים, די שטאדט שלום), און מלכי צדק איז געווען דער דארטיקער הערשער און פריסטער. די רוימישע שריפטשטעלער סילוויא און היערואנאמוס, וועלכע האבן אין פירטן יאר־הונדערט בארייזט און אויסגעפארשט דעם אריענט, דערציילן אז זיי האבן געזען די חורבות פון מלכי צדק'ס פאלאץ אין א שטעדטל שלם (סאלעם) ניט ווייט פון בית שאן. אגב, ווערט אויך אין דער גמרא דערמאנט א כפר שלם, וואס ליגט ניט ווייט פון ירדן.

און פרעמדע וועלן דיינע קינדער זיין אין א לאנד וואס געהערט ניט צו זיי (בראשית ט"ו, י"ג).

אומעטום וואו אידן באזעצן זיך, לעבן זיך דארטן איין און באפרוכטבערן און בארייכערן ס'לאנד, איז עס אלץ אן „ארץ לא להם", א לאנד וואס געהערט ניט צו זיי. אויב מיר ווילן אמאל דערפון פארגעסן, לאזט מען אונז ניט. לזרעך נתתי את הארץ הזאת — צו דיינע קינדער האב איך געגעבן בלויז דאס דאזיקע לאנד, בלויז דארטן, אין ארץ ישראל, קאנסטו זיך פילן ווי אן אייגענער, אבער ניט אין א פרעמד לאנד.

דער חתם סופר האט אמאל געזאגט: די שטערן אין הימל ווייזן זיך אויס צו זיין קליין הגם באמת זיינען זיי געוואלטיג גרויס. אט אזוי איז עס מיט די אידן: מ'רעכנט זיי פאר קליין און שוואך, באמת אבער זיינען זיי גרויס און שטארק; ביי די אומות העולם מעסט מען די שטארקייט פון א פאלק וועדליק זייער פיזישע גבורה, זיינען מיר אודאי שוואך און נישטיק. מיר אידן מעסטן אבער א פאלק'ס גבורה וועדליק זיין גייסטיקייט. וועדליק זיינע אידייען און מידות, און ווי אזעלכע זיינען מיר אודאי שטארק און גרויס.

שרה האט ניט געהאט קיין קינדער, האט זי געגעבן אברהם'ען איר עגיפטישע דינסט, הגר, און זי האט אים געבוירן א זון, ישמעאל. געטאן האט עס אברהם אויפ'ן אויסדריקליכען פארלאנג פון שרה'ן, וועלכע האט געגארט צו האבן כאטש א פרעמד קינד, א זון פון איר דינסט, צו האדעווען און ניאנטשען. ותקל גברתה בעיניה — איז אבער הגר געווארן ביי זיך א יחסנ'טע און זיך גערייצט מיט שרה'ן: „איצטער וועל איך זיין די בעל הבית'טע, און מיין קינד וועט ירשענען אברהם'ס פארמעגן." שרה האט מער ניט גע־

קענט אריבערטראָגן די יסורים און האָט מוסר געווען דעם דין לשמים: ישפט ה׳ ביני וביניך — זאָל גאָט משפט׳ן צווישן מיר און דיר.

און א מלאך האָט איר באגעגנט ביי א ברונים און צו איר געזאָגט: הגר, דינסט פון שרי, פונוואנען קומסטו און וואוהין גייסטו? און זי האָט געזאָגט: איך אנטלויף פון מיין הארנטע שרי (בראשית ט״ז, ח״).

די וועלט פרעגט: ווי וואגט עס עפעס א מלאך פון גאָט צו זיין אזוי פרעך און אדרעסירן הגר׳ן „דינסט פון שרי?" דער תירוץ איז: אז א מענש הויבט אָן פון זיך צו בלאָזן און צו פּאַזירן, איז א מצוה אזוינעם צו דערמאָנען זיין אמת׳ן יחוס.

הגר האָט זיך אָנגעהויבען איינריידן, הגם ס׳קינד איז נאָך געלעגן אין טראכט, אז זי איז די גברתה, די הארנטע, און שרה איז די דינסטמויד. גיט דער מלאך פּלוצים צו איר א געשריי: הע׳, הגר, דו דינסטמויד, פונוואנען קומסטו און וואוהין גייסטו? די, מצרישע דינסט פארגעסט זיך פון שרעק אָן איר פּאַזירנדיקער ראָל, און ענטפערט תמימות׳דיק: „איך אנטלויף פון מיין הארנטע, שרי". זאָגט צו איר דאמאָלט דער מלאך: אויב דו ווייסט יאָ אז דו ביסט א דינסט, טאָ שובי אל גברתך — קער זיך צוריק צו דיין בעל הבית׳טע.

אין גאָר הויכן עלטער, ווען אברהם איז שוין אַלט געווען ניין און ניינציג יאָר, האָט זיך גאָט צו אים באוויזן און אים געהייסן זיך מל זיין. גאָט האָט דעם מענשן ניט באשאפן א גע׳מל׳טן און ניט אין זיין פולער פּערפעקציע. אזוי איז עס מיט דער גאנצער בריאה, וועלכע איז לכתחילה באשאפן געוואָרן כדי דער מענש זאָל איר פּארפולשטענדיקן און ווערן א שותף למעשה בראשית. און דוד המלך האָט געזאָגט: דור לדור ישבח מעשיך — יעדער דור און דור בעסערט אויס און פארפולשטענדיקט דיינע ווערק. דערפאַר האָט גאָט געזאָגט ביי דער מצות מילה: אני אל שדי התהלך לפני והיה תמים — איך בין דער אלמעכטיקער גאָט, גיי פאר מיר און זיי פולשטענדיק. שדי מאכט: שאמרתי די — איך בין דער גאָט וואָס האָט געזאָגט צו מיין באשאפענער וועלט: די — גענוג! זאָל די וועלט ניט זיין קיין פּערפעקטע און פולשטענדיקע, כדי דער מענש זאָל קענען ווערן א שותף ליצירה און איר משלים זיין. והיה תמים — און ערשט דאמאָלט ווען דער מענש אליין וועט די וועלט משלים זיין, וועט זי באמת זיין גאנץ און פּערפעקט.

אברהם האָט די געטלעכע יצירה משלים געווען, און מיט זיין מל זיין זיך האָט ער אויף אייביק כורת ברית געווען מיט דער ריינער געטלעכ־קייט. זיין גלויבן אין אַ העכערער געטלעכער קראַפט ווערט ביי אים אַ דינאַמישער כח, וואָס באַוועגט אַלע זיינע געדאַנקען און מעשים. זיין גרויסע מסירת נפש׳דיקייט, זיין עקשנות׳דיקער קאַמף, זיין פערזענלעכער נע ונד לעבן, און זיין פיינער חוש פאַר גערעכטיקייט, שטעלן אים אַוועק אויפן פעדעסטאַל פון דער אידישער געשיכטע ווי דער אור־פאָטער פון דער אידי־שער נאַציע און איר רעליגיעז־עטישע אויפפאַסונג. אברהם האָט זיך דער ערשטער אידענטיפיצירט מיט גערעכטיקייט און אַריינגעטראָגן דעם מידת הרחמים אין דעם מידת הדין. ער האָט אַנטוויקלט די שיינע מידה פון הכנסת אורחים, די מידה פון צדקה און חסד, און ניט געמאַכט קיין אונ־טערשייד צווישן מענש און מענש. אפילו פאַר דער זינדיקער שטאָדט סדום האָט ער אויך געהאַט אַ גוט וואָרט און געבעטן גאָט איר ניט צו פאַרוויסטן.

זיצט אברהם אין אַ הייסן טאָג אַ קראַנקער און שוואַכער ביים טיר, און קוקט זיך אויס די אויגן צי ס׳גייט ניט ערגעץ אַ מידער וואַנדערער. און דערזעט ער פונוויטנס דריי פרעמדע אָנקומען, פאַרגעסט ער זיין קראַנקהייט און לויפט זיי אַנטקעגן. אַן אַנדערער וואָלט אודאי געלאָפן פאַרשליסן די טיר און טויער אָדער אויפפאַסן די פרעמדע זאָלן חלילה ניט עפּעס אַוועק׳גנב׳־ענען, אברהם אָבער בעט זיי גאָר עסן און נעמט זיי אויף מיט פרייד.

ביי אַנדערע פעלקער ווערן זייערע אור־פאָטערס באַזינגען ווי האַלבע און גאַנצע געטער אָדער ווי מעכטיקע מלחמה פירער און גאַלאַנטע ליבהאַבער. אַזוי זיינען טאַקע זייערע קלאַסישע „אליאדאס״, „זאגאס״, און „וועדאַס״ פול מיט העלדן און מיטאָלאָגישע ריזן וואָס באָדן זיך תמיד אין ליידנשאַפט־לעכער תאוה, שכרות, אייפערזוכט און אינטריגע. איז אַזוינס אודאי פאַר־שטענדלעך, מחמת אַלע זייערע שטאַם־פאָטערס זיינען אַנטשטאַנען אין גע־צנדינסט, און דאריבער זיינען זיי פאַרהערלעכט געוואָרן מיט דעם מהות פון זייער אייגענער פרימיטיווער פאַגאַניסטישער פסיכיק.

אַנדערש איז אָבער מיט׳ן אידן. אונזער שטאַם־פאָטער, אברהם אבינו, ווערט פאַרהערלעכט ווי אַן איש תמים וועמענס מהות באַשטייט פון צוויי פאַרפיינערטע שטריכן: אהבת הבורא און אהבת הבריות — אַ טיפע אמונה אין דער עטיש־פילאָזאָפישער אויפפאַסונג פון ריינער געטלעכקייט, און אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום מענשן. אברהם איז דערגאַנגען צו דער געט־

לעבער דערקענטעניש ניט דורך אינטריגעס און מלחמות, ניט דורך עראטיק און הולטייסטווא, נאר אין א לעגענדארישער הייל וואו ער דערהערט אין דער שטילקייט פון דער נאכט א שטים זינגען אין זיין הארץ: ה׳ אחד — גאט איז איינער !

און דערקענט אברהם, דער איד, די אמת׳ע גאטהייט, איז זיין גלויבן אומבאגרענעצט און קיין שטורם קאן עס מער ניט צעטרייסלען, ניט דער ברענענדיקער קאלכאויוון און ניט דער אויטא־דע־פע, ניט די גזירות ת״ח און ניט די היטלעריסטישע פייניגונגען.

וירא

און גאט האָט זיך צו אים באוויזן ביים פלוין פון ממרא, און ער איז געזעסן ביים טיר פון געצעלט (בראשית י״ח, א׳).

ס׳איז ערשט דריי טעג זינט דער ניין און ניינציק יאָריקער אברהם האָט זיך מל געווען, ער איז נאָך קראנק און די היץ איז גרויס און שרפה׳עט, און דאָך זיצט ער ביים טיר פון געצעלט און קוקט זיך אויס די אויגן פאר אַן אורח וועמען ער זאָל קענען דערלענען ס׳הארץ. דערזעט ער פונווייטנס דריי פארבייגייער, און ער לויפט זיי אנטקעגן.

פאר אים זיינען זיי פשוטע מידע וואנדערער, און הגם זיי זיינען געצנדינער דאָך וירץ לקראתם—לויפט ער זיי אנטקעגן און בעט זיך: אל נא תעבור—גייט ניט פארביי מיין הויז, קומט אריין, שפּארט זיך צו אונטערן בוים און איך וועל אייך צוגרייטן עפּעס עסן.

דער ליכטיקער פונק וואָס האָט ארויסגעשטראַלט פון זיין געטלעכער דערקענטעניש, האָט אויך הומאניזירט זיין פּערזענלעכקייט און כאראַקטער. איינס האָט משלים געווען ס׳אנדערע—די גייסטיקייט האָט באווירקט דעם מענטש. ער העלפט אַנדערע, און פאר זיך וויל ער ניט נעמען אפילו „פון א פאָדעם ביז א שוך־בענדל״.

די גמרא (שבת קכ״ז) זאגט: גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת השכינה—די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי אויפנעמען גאָט. פונוואנען איז אזוינס געדרונגען? — פון אברהם׳ן. ס׳שטייט: און גאָט האָט זיך צו אים באוויזן, געשטאנען דערנעבן און גערעדט, וישא עיניו — האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען דריי אורחים. האָט ער זיך געבעטן ביי גאָט: אל נא תעבור מעל עבדך—גיי ניט אוועק פון דיין קנעכט, וואַרט ביז איך וועל אויפנעמען די אורחים און זיי געבן עסן.

ווען אברהם האָט געטאָן א מצוה, האָט זיך דער גאנצער גוף אין דעם באטייליקט. ווען ער האָט דערזען די אורחים, האָבן זיך זיינע פיס איינ־

סטינקטיוו געהויבן צום לויפן. דערפון האָט ער אויך פאַרשטאַנען, אַז ער מעג לאָזן גאָט וואַרטן און גיין אויפנעמען די אורחים.

דער קאָצקער רבי, ר׳ מענדעלע, האָט געטייטשט: וירא אליו ה׳— גאָט האָט זיך תמיד באַוויזן צו אבֿרהם׳ען, און דאָך איז אבֿרהם פאַרבליבן ביי זיך שפּל׳דיק און עניוות׳דיק אַז אים האָט זיך אויסגעדוכט והוא ישב פתח האהל—אַז ער זיצט בלויז ביים טיר און איז נאָך ווייט פון אהל ה׳, פון גאָט׳ס געצעלט.

רש״י זאָגט, אַז אבֿרהם איז געזעסן ביים טיר „לדאת אם יש עובר״, צי זען אויב ס׳איז פאַראַן אַ פאַרבייגייער. האָט דער פּשיסכער רבי דאַרויף געזאָגט: ער איז געזעסן צו זען אויב ס׳איז פאַראַן אַן עובר עבֿירה, איינער וואָס האָט געזינדיקט און טאָקע אויך חרטה געהאַט.

רש״י זאָגט אויך, אַז אבֿרהם איז געקומען צו ממרא׳ן זיך אַן עצה האַלטן. האָט אויף דעם די וועלט אַן איינגאַרטיקן מדרש.

אבֿרהם האָט געהאַט דריי פריינט: ענר, אשכול און ממרא, און מיט זיי האָט ער זיך גע׳עצה׳ט ווי אַזוי דורכצופירן די מצות מילה. האָט ענר אים געזאָגט:

—עי, ניט ריר! (דאָס זיינען די ראשי תיבות, די אָנהויב ווערטער פון „ענר״) און דערפאַר טאַקע האָט אבֿרם אים אַ נאָמען געגעבן: ענר.

אשכול האָט געזאָגט: „אַלטער שוטה, קאָנסטו ווייטאָקן לײַדן? (ראשי תיבות פון „אשכול״), און דערפאַר האָט אבֿרהם אים גערופן: אשכול.

בלויז איין ממרא האָט אים געגעבן די ריכטיקע עצה: „מאַך מילה, ר׳ אבֿרהם!״ (די ראשי תיבות פון „ממרא״), און דערפאַר האָט אים אבֿרהם גערופן: ממרא.

די דריי אורחים, וועלכע זיינען געווען די מלאכים מיכאל, גבֿריאל און רפֿאל, האָבן געהאַט דריי באַזונדערע שליחות׳ן: איינער צו היילן אבֿרהם׳ען, אַ צווייטער אים צו זאָגן אַז זיין ווייב שרה וועט צום יאָר געבוירן אַ זון, און אַ דריטער—איבערצוקערן די שטאָדט סדום צוליב איר פאַרדאָרבנקייט. אבֿרהם האָט זיי אָנגענומען פאַר פּשוטע וואַנדערער, און נאָכדעם ווי ער האָט זיי פריינטלעך אויפגענומען און גוט אונטערהאַלטן, האָט ער אויף זער אַן איידעלען אופן זיי געלערנט די אידייע פון אַן איינציקער גאָטהייט.

דער חסידישער ספר „נפלאות חדשות" פרעגט: פארוואס האט גאט געשיקט מלאכים? היתכן, אז אויך זיי דארפן לערנען וועגן גאט'ס גרויסקייט?

דער תירוץ איז: אז גאט האט געוואלט באווייזן דאס דער מענש קאן זיך דערהויבן העכער פון א מלאך.

אברהם האט זיך געבעטן ביי די אורחים: גייט ניט אוועק און לאזט מיך צוגרייטן א ביסל וואסער ארומצעוואשן אייערע פיס און א שטיקל ברויט אונטערצולעגן אייער הארץ. אט דא דערזעט מען קלאר דעם אונטער־שייד פון פארצייטיקע ביז היינטיקע גבירים. פארצייטנס, אז א מלאך איז געווען אן אורח האט דער בעל הבית זיך צו אים באצויגן ווי צו א מענשן און אים געגעבן גוט אפעסן. א היינטיקער גביר אבער באציט זיך צו אן אורח ווי צו א מלאך און גיט אים קדחת אין א קליין טעפעלע . . .

די גמרא זאגט (סוטה י'): אברהם האט געמאכט רופן גאט'ס נאמען אין מויל פון אלע פארבייגייער. יעדעס מאל וואס אן אורח האט אים באדאנקט פאר דער גאסטפריינטלעכקייט, האט אברהם אפגעענטפערט: איר האט דען געגעסן מיינס? גאט'ס האט איר געגעסן, און אים דארפט איר דאנקען און לויבן!

זיין דערקענטעניש פון אן עטישער גאטהייט האט אים אויך דערפירט צום עטיש־סאציאלן באגריף, אז אלץ וואס ער פארמאגט איז ניט זיינס. אט דער דאזיקער געדאנק האט אים אויך דערפירט צו דער פארהייליגונג פון ארבעט. דער מדרש (בראשית רבה ל"ט) זאגט: ווען אברהם איז ארומגעגאנגען אין ארם נהרים האט ער געזען ווי מענשן פוסטעווען און הולטאיעווען און טוען קיין ארבעט ניט. האט ער געבעטן ביי גאט ער זאל קיין חלק ניט האבן אין דעם דאזיקן לאנד. ווען ער איז אבער גע־קומען אין כנען און געזען ווי מענשן ארבעטן פלייסיק, האט ער אויס־גערופן: הלואי יהא חלקי בארץ הזאת—הלואי זאל איך האבן א חלק אין דעם דאזיקן לאנד. און דאמאלט אמר לו הקדוש ברוך הוא: לזרעך אתן את הארץ—דאמאלט האט גאט געזאגט: צו דיינע קינדער וועל איך געבן דאס דאזיקע לאנד!

און ער האט געזאגט: אייל זיך און ברענג דריי מאס מעל, זעמלמעל (בראשית י"ח, ו').

די גמרא (בבא מציעא פ"ה) זאגט: ער, אברהם, האט געזאגט: מעל, און זי, שרה, האט געזאגט: זעמלמעל, איז דערפון געדרונגען, אז שאשה

עיניה צרה באורחין—אז אורחים זיינען א צרה אין די אויגן פון א פרוי. איז אייגנטליך די גמרא שווער צו פארשטיין, ווארן אויב שרה האָט אויסגעבעסערט און געזאָגט זעמלמעל, טאָ פונוואנען איז געדרונגען אז א פרוי וויל ניט ליידן קיין אורחים?

די רבנישע ליטעראטור מאַכט דארויף א סך פשט'לעך, אָבער רש״י וויל דערפון ניט וויסן און דערקלערט אז ס'איז פשוט א גרייז: אברהם האָט געהייסן ברענגען זעמלמעל, און שרה האָט דוקא געוואָלט פּראָסטע מעל. מעגלעך, אז מ'דאַרף גאָרניט אָנקומען צו רש״י'ס טייטש, נאָר פשוט אוועקשטעלן די ריכטיגע פונקטואציע אין דער גמרא. הוא אמר: קמח? והיא אמרה: סלת!—ער האָט גע'טענה'ט: פּראָסטער מעל? האָט זי געענטפערט: סלת! ניין, ס'איז ניט קיין פראסטער מעל, נאָר אמת'ער זעמלמעל, הגם ס'איז געיוען פּראָסטער מעל.

און ער האָט גענומען א יונגן און ווייכן רינד (בראשית י״ח, ז׳).

אברהם איז אוועקגעלאָפן אין שטאַל, דאָרטן אויסגעקליבן א יונגן און ווייכן קאַלב און געגעבן זיינעם א יונג צוצוגרייטן צום עסן. רש״י זאָגט, אז באמת האָט אברהם גענומען גאנצע דריי יונגע קיעלעך כדי צו געבן יעדן פון די אורחים א שטיקל צונג. פרעגט די וועלט: פארוואָס האָט אברהם געקוילעט דריי קיעלעך, הלמאי האָט ער ניט גענומען איין גרויסן צונג און צושניטן אויף דריי חלקים? ענטפערט די וועלט: נאכדעם ווי ער האָט זיך מל געוועזן האָט ער שוין פארזאָגט א צענטן מער ניט צו שניידן...

און ער איז געשטאנען נעבן זיי און זיי האָבן געגעסן (בראשית י״ח, ח׳).

דער פשיסכער רבי זאָגט דארויף: דער וואָס איז מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים, איז זוכה איבערצונעמען די גוטע מידות פון די אורחים. די גוטע מידה פון מלאכים איז, וואָס זיי זיינען „עומדים", זיי שטייען תמיד אויף א הויכער מדרגה. אזוי איז אויך געוועזן מיט אברהם'ען: והוא עומד עליהם—און ער איז נעבן זיי געוואָרן אן „עומד", ער איז געבליבן שטיין אויף זיין הויכער מדרגה. ער איז געוועזן רייך, געוועזן א יחסן, און דאָך איז ער געוועזן אָן זינד און אָן גאוה. נאָך מערער: ער איז אפילו געוועזן „עליהם", געשטאנען איבער זיי, איבער די מלאכים.

און זיי האָבן צו אים געזאָגט: וואו איז דיין ווייב שרה? און ער האָט געזאָגט: זי איז אין געצעלט (בראשית י״ח, ט׳).

חסידישע ספרים טײַטשן דעם פּסוק אַזוי: די מלאכים האָבן געהערט אין הימל אַז אברהם איז זײַער אַ חשובער מענטש, האָבן זיי געוואָלט אויסגעפינען אין וואָס אַזוינס זײַן חשיבות באַשטייט. אַרײַנקומענדיק צו אברהם'ען אין הויז, האָבן זיי זיך גוט אַרומגעקוקט, אָבער קיין אויסערגעוויינלעכעס ניט באַמערקט. האָבן זיי באַשלאָסן אַרײַנגיין צו שרה'ן, און פון איר, אַ אידענע, דערגיין פאַרוואָס אברהם איז אַזאַ חשוב. האָבן די מלאכים געפרעגט אברהם'ען: וואו איז דײַן ווײַב שרה? אברהם האָט אָבער פאַרשטאַנען זייער כוונה, און געענטפערט: הנה באהל—שרה איז אַן אשה צנועה, זיצט תמיד אין איר געצעלט, און זי וועט מיט אײַך פרעמדע מענער, ניט פלוידערן.

שרה איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלץ וואָס איז צניעות'דיק און איידל אין דער אידישער פרוי. טריי און איבערגעבן פאָלגט זי נאָך די שפּורן פונעם איבערברוך אין אברהם'ס גײַסטיקן לעבן. פאַרשפּרייט אברהם די אידייע פון אחדות אלהות צווישן מענער, טוט עס שרה צווישן די פרויען. בלויז איין איינציקן מאָל רעוואָלטירט די פרוי און מאַמע אין איר, ס'איז בעת אברהם וויל פירן איר איינציק קינד צו דער עקידה. זי ווייסט אפילו ניט, אַז איר קינד יצחק גייט באמת געקוילעט ווערן ווי אַ קרבן, אָבער איר מוטער־האַרץ האָט דעם פאָרגעפיל, און זי רעוואָלטירט.

בלויז אברהם האָט דעם פּרוף אויסגעהאַלטן. ער, דער מוטיקער אברהם, וואָס בעת פאַר די סדום'ניקעס און שרײַט אויס כמעט חוצפה'דיק: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט—דער ריכטער פון גאָר דער וועלט וועט ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?" דער זעלבער אברהם פּראָטעסטירט ניט, נאָר פירט זײַן קינד צום באַרג מוריה גרייט אים צו קוילענען. ערשט ווען ער איז שוין גרייט אויסצופאָלגן גאָט'ס באַפעל, האַלט אים אַ מלאך אָפּ און באַפעלט:

—זאָלסט ניט אויסשטרעקן דײַן האַנט אויפן אינגל, און זאָלסט אים גאָרניט טאָן!

דער סאַסעווער צדיק האָט געזאָגט: פאַרוואָס האָט אברהם געפאָלגט דעם באַפעל פון מלאך וואָס איז געווען להיפּוך דעם באַפעל פון גאָט? איז דער תירוץ, אַז אַ מענטש צו קוילענען מוז מען קריגן אַ באַפעל פון גאָט אַליין, אָבער אויף צו ראַטעווען אַ מענטש דאַרף מען פאָלגן יעדן איינעמס באַפעל.

די וועלט טייטשט: אל תשלח ידך אל הנער — מיט א נאר זאָלסטו זיך ניט אָנהויבן.

אז אברהם האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרואוו, האָט אברהם זיך צוריק־געקערט צו זיינע יונגען, און מיט זיי געגאַנגען קיין באר שבע.

האָט ר' שמואל קאַמינקער דאַרויף געזאָגט: הגם אברהם האָט דורכ־געמאַכט א שווערן נסיון, האָט ער זיך אַלץ ניט געגרויסט, ניט געהאַט קיין התנשאות, נאר געגאַנגען צוזאַמען מיט זיינע יונגען און באַדינער.

ווען אברהם האָט זיך דערוואוסט אַז גאָט האָט בדעה אומצוברענגען סדום, ווערט ער באַווירקט פון רחמנות און בעט זיך: האף תספה צדיק עם רשע, וועסטו אויך פאַרניכטן דעם אומשולדיקן צוזאַמען מיטן שולדיקן?

אברהם האָט אָבער ניט געוואוסט אַז סדום איז אַזוי זינדיק אַז אַפילו אַן איינציקער צדיק איז דאָרטן ניט צו געפינען. א מנהג איז דאָרטן געווען — דערציילט די אגדה — אַז זיי האָבן קיין פרעמדן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן, אפילו ניט פאר געלט. א בעט האָבן די סדום'ער געהאַט, איז עס געווען פון איין מאָס. איז דער פרעמדער געווען קורץ, האָט מען אים די פיס אויסגעצויגן; איז ער געווען הויך, האָט מען אים די פיס אונטער־געהאַקט. א דאָרטיק מיידל האָט רחמנות געהאַט אויף אַ פרעמדן, און אים באַהאַלטענערהייט געגעבן ברויט מיט וואַסער. האָבן די סדום'ער זיך דער־וואוסט און אויסגעטאָן ס'מיידל, איר באַשמירט מיט האָניק און צוגעבונדן צו א בינשטאָק. די בינען זיינען איר באַפאַלן, און זי איז אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע יסורים.

אַז די צוויי מלאכים זיינען געקומען אין סדום איר אומצוברענגען, איז לוט געזעסן ביים טויער פון שטאָדט. דערזעענדיק די מלאכים, איז ער זיי אנטקייגן געלאָפן, זיך פאר זיי געבוקט און געבעטן צו זיך א היים. די מלאכים האָבן זיך לכתחילה געקווייקלט, אָבער לסוף האָבן זיי די איינלאַדונג אָנגענומען. באַלד אָבער האָבן די סדום'ער ארומגערינגלט לוט'ס הויז, און געפאָדערט ער זאָל איבערגעבן די פרעמדע צו זיי אין די הענט. לוט האָט זיך ביי זיי געבעטן, און אַפילו איינגעווילקט אָוועקצוגעבן זיינע צוויי טעכטער. אָבער די סדום'ער זיינען דוקא באַשטאַנען אויף זייערס.

די וועלט פרעגט: וואָס האָבן די סדום'ער אַזוי געוואַלדעוועט? ביי געקומען דאָ וואוינען און אונז משפט'ן (בראשית י"ט, ט').

און זיי האָבן געזאָגט: דער איינער איז א פרעמדער און איז

זיי איז דאָך געווען אַלץ פאַרקערט, איז דאָך נאַטירלעך אַז אַ פרעמדער זאָל זיין דער ריכטער?

דער ראַדזינער רבי, ר' גרשון העניך, האָט די דאָזיקע פאָלקס-קשיה פאַרענטפערט אויף אַ שאַרפזיניקן אופן: אַזוי ווי דער פרעגער און דער טענה-האָבער איז דאָך געווען אַ פאַרדאָרבענער סדום'ניק, איז אַפילו די עצם טענה אויך געווען אַ פאַרקערטע און פאַלשע.

און ווידעראַמאָל איז לוט געווען אין סכנה, ויזכור אלקים את אברהם —דערמאָנט זיך גאָט אָן אברהם'ען און לוט און זיין ווייב און צוויי טעכטער ווערן ניצול. די מלאכים האָבן אָנגעזאָגט לוט'ן און זיין פאַמיליע זיך ניט אומצוקוקן, אָבער לוט'ס ווייב איז ניט קיין שטאַרק גלויביקע, און לויפנדיק פון שטאָדט פאַרקוקט זי זיך אויף אהינטער: אפשר גיין צוריק? ותהי נציב מלח—ווערט פון איר אַ שטיק זאַלץ. לוט נעמט זיך צום טרינקען, ווערט אינטים מיט זיינע טעכטער און באַזאָרגט זיך מיט אַ פּאָר איניקלעך: עמון און מואב, וועלכע האָבן שפּעטער אָפּגעצאָלט אברהם'ס קינדער מיט שלעכטס פאַר גאָר די טובות.

דאָרויף פרעגט די וועלט: פאַרוואָס האָט לוט'ן פלוצים געצויגן צום טרינקען? ענטפערט מען: ווייל ער האָט געהאַט אַ ווייב אַ שטיק זאַלץ.

בעת שרה איז נאָך געווען אַן עקרה, האָט זי געגעבן אברהם'ען איר דינסט, הגר, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ אינגעל, ישמעאל, אַ פּרא אדם.

און גאָט איז געווען מיטן אינגעל און ער איז אויפגעוואַקסן און זיך באַזעצט אין דער מדבר און געוואָרן אַ בויגנשיסער (בראשית כ"א, כ').

אַ חסיד, אַ גרויסער בעל גאוה'ניק, האָט געפרעגט ר' דוד אמשי-נאָוער'ן: היות, גאָט איז געווען מיט ישמעאל'ן, טאָ פאַרוואָס איז ער אויס-געוואַקסן אַ פּרא אדם, אַ בויגנשיסער?

—טאַקע אינם זעלבן פּסוק איז דאָ דער תירוץ—האָט אים דער אמשינאָווער געענטפערט: ויהי אלקים את הנער, גאָט איז געווען מיטן אינגעל, ויגדל—איז ישמעאל ביי זיך גרויס געוואָרן, האָט אָנגעהויבן פון זיך בלאָזן מיט גאוה, אַז ער איז אַזש געוואָרן אַ פּרא אדם.

און ער פאַרפלאַנצט אַן אשל (אַ לינדנבוים) אין באר שבע (בראשית כ"א, ל"ג).

אברהם האָט אין לאַנד פון אבימלך געגראָבן אַ ברונים, און געשלאָסן

א בונד. דאָרטן האָט ער אויך פאַרפלאַנצט דעם אשל, און אים גערופן מיטן נאָמען פון אייביקן גאָט. די גמרא זאָגט (סוטה י׳): חד אמר פרדס וחד אמר פונדק, איינער זאָגט אַז אשל מיינט א לער־אנשטאלט, און איינער זאָגט אַז ס׳מיינט אַן אַריינפאָר הויז. ווערליק ביידן איז דער צוועק געווען צו פאַרשפּרייטן די אידייע פון אַן איינציקער גאָטהייט.

צום קאָזשעניצער מגיד איז אמאָל געקומען אַ דאָרפס־איד און זיך באַקלאָגט, אַז אַ פייער האָט פאַרניכטעט זיין האָב און גוטס הגם ער איז תמיד געווען אַ גרויסער מכנים אורח. האָט דער קאָזשעניצער אים גע־ענטפערט: כידוע האָט אברהם פאַרפלאַנצט אַן אשל, און ווי די חכמים זאָגן איז די ראשי תיבות דערפון: אכילה, שתיה, לינה—עסן, טרינקען און נעכטיקן. דו האָסט אָבער, קאָנטיק, מקיים געווען בלויז אכילה און שתיה, האָסט גע־געבן די אורחים אָפּעסן מיט אביסל וואַסער צו פאַרטרינקען אָבער ניט קיין געלעגער איבערצונעכטיקן, איז דאַריבער געבליבן בלויז דער אלף און שין —אש, פייער.

חיי שרה

שרה האָט געלעבט הונדערט זיבן און צוואנציק יאָר, און אברהם האָט איר מקבר געווען אין דער מערת המכפלה וואס ער האט האט אפגעקויפט פון עפרון דעם חתי.

דערציילט די אגדה, אז בעת אברהם האָט געפירט יצחק'ן צו דער עקדה, האָט דער שטן זיך פארשטעלט אין יצחק'ס געשטאַלט און געקומען צו שרה'ן צולויפן אַ דערציטערטער:

— אוי מאמע, דו ווייסט גארניט וואס דער טאטע האט געטאן? ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויף אַ הויכן באַרג, אויפגעבויט דאָרטן אַ גרויסן מזבח מיט אַ פלאַמנדיקן פייער, מיך צוגעבונדען צום מזבח און אויסגע-שטרעקט די האנט מיך צו קוילענען.

און איידער דער שטן האָט פארענדיקט זיין דערציילונג, איז שרה פון שרעק אויסגעגאנגען.

שלמה המלך האָט געזאָגט: עת ללדת ועת למות — ס'איז פאראַן אַ צייט צו געבוירן, און אַ צייט צו שטאַרבן. די אויסערלעכע סיבות שפילן אויבנאויפיק אַ ראָל, און אונז דוכט זיך אוים, אז דער מענש איז געשטאַרבן פון, למשל, אַ פארקילונג אָדער אַנדער קראַנקהייט. באמת אָבער האָט די קראַנקהייט פאראורזאכט דעם טוידט בלויז דערפאַר ווייל ס'איז געקומען די צייט צו שטאַרבן. אויך שרה'ס צייט איז געקומען, האָט זיך באַשאַפן די סיבה מיטן שטן. זאָגט מען טאַקע אין אידיש: דער טוידט בלייבט תמיד גערעכט.

די גמרא (מגילה י"ד) רעדט מיט גרויס חשיבות וועגן שרה'ן, און זאָגט אַז זי איז געווען העכער פון אברהם'ען אין נביאות און אין גייסטיקער גרויסקייט. די גמרא (בבא בתרא נ"ה) זאָגט, אַז אברהם האָט זיך באַשיצט אַנטער אירע פליגלען פון חכמה, און פון איר געלערנט די פיינע זיטן און אידייען.

דער של"ה הקדוש זאָגט: ס'שטייט אין פסוק „ויהי חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים." ביי דער גרויסער צאָל פון הונדערט און צוואַנציג שטייט דער „שנה," יאָר, און ביי דער קליינער צאָל פון זיבן, שטייט „שנים", יאָרן. ווען אַ מענש איז קליין אין זיין גייסטיקייט ווי אַ קינד פון זיבן, גרויסט עס זיך און רעדט ווי איינער פון אַ סך יאָרן; ווען אַ מענש איז אָבער גרויס אין חכמה און אין מידות, האַלט ער זיך נידריק ווי אַ קינד פון אַ יאָר.

דער לעבן איז אָפט גאָר קיין לעבן-ניט, און בלויז אין דער יוגנט האָט מען נאָך אביסל אַ הנאה. און אָט דאָס דאַזיקע לערנט אונז ווערדליך דעם „מלאכת מחשבת" דער פסוק: די הונדערט און צוואַנציק יאָר זיינען פאַר שרה'ן געווען ווי „שנה"—איין לאַנגער יאָר פון צער און ווייטיק. בלויז די ערשטע זיבן קינדערישע יאָרן זיינען געווען „שנים", יאָרן פון לעבן און קינדערישן גליק.

און אברהם איז געקומען צו באַקלאָגן שרה'ן און איר צו באַ-וויינען (בראשית כ"ג, ב).

דער מדרש זאָגט: פונוואַנען איז ער געקומען?—פון באַרג מוריה איז ער געקומען. אברהם האָט געוויינט, ווייל ער איז געקומען פון באַרג מוריה וואו ער האָט געזאָלט פירן יצחק'ן צו דער עקידה. דאָרט, ביים באַרג, האָט ער ערשט איינגעזען דעם גרויסן איינפלוס וואָס אַ מוטער האָט אויף דער דערציאונג פון אַ קינד. אין דער געהאָרכזאַמקייט און פרומקייט פון יצחק'ן, האָט ער ערשט דערזען די אמת'ע גרויסקייט פון שרה'ן, די דערציערן, וועלכע האָט מיט אַזוי פיל צאַרטקייט פאַרפלאַנצט די פיינסטע ניואַנסן פון דער אידישער אמונה אין יצחק'ן.

דער וואָרט „ולבכתה", און איר צו באַוויינען, שטייט אין דער תורה מיט אַ קליינעם „כ". זאָגט דארויף דער בעל הטורים, אַז אברהם האָט באמת קיין סך ניט געוויינט מחמת שרה איז שוין געווען אַלט, און אויף אַ מענשן וואָס לעבט אויס זיינע יאָרן דאַרף מען קיין סך ניט וויינען.

ס'איז פאַראַן אַ מדרש פליאה, אַז „משמתה שרה התחיל אדם לדבר בלשון ארמי", אַז שרה איז געשטאָרבען, האָט אדם אָנגעהויבן ריידן אראַמיש. איז דער דאָזיקער מדרש אודאי אַ פליאה, סיידן אים דערקלערן אויף אַ פאָלקסטמלעך-מגידישן אופן:

די וועלט האט זיך אזא מין מדרש׳ל:

ווען א מענש שטארבט און קומט פארן בית דין של מעלה, רופט ער אדם הראשון׳ען צו א דין תורה הלמאי ער האט דורך זיינע זינד גורם געווען מ׳זאל שטארבן. אדם האט תמיד זיין גרייטן תירוץ, אז „איש בחטאו ימות", אז יעדער מענש שטארבט צוליב זיינע אייגענע זינד. ווען שרה האט אים גערופן צום דין תורה און געהאט טענות הלמאי זי האט צוליב אים זיך געמוזט שיידן פון דער וועלט, האט אדם מער ניט געקענט אנגעבן זיין שטענדיקן תירוץ מחמת אלע אין דער פמליה של מעלה האבן געוואוסט וואס רש"י זאגט, אז שרה בת ק׳ כבת כ׳, אז צו הונדערט איז זי געווען פונקט אזוי ריין פון זינד ווי צו צוואנציק. האט דאמאלט אדם, נעבאך פארלארן דעם לשון און אנגעהויבן פלאפלען אויף טערקיש. משמעות, תמיד אזוי: אז א איד האט שוין מער קיין כח אדער חשק צו געפינען א פארענטפערונג פאר זיינע זינד אנטלויפט ער אין גאנצן פון אידישער אחריות און הערט שוין אויף צו ריידען די שפראך פון זיין פאלק. ער וועט דאמאלט פלאפלען אויף אלערליי שפראכן אבי ניט אויף זיין אייגענער פאלקס־שפראך.

אין אברהם׳ס צייטן איז געווען שטארק דער מנהג צו האבן פאמיליע־קברים, און בלויז עלנטע דורכוואנדערער האט מען מקבר געווען אויף אן אלגעמיינעם שטאדטישן בית עולם. אברהם האט אבער ניט געוואלט מ׳זאל שרה׳ן מקבר זיין צווישן געצנדינער, האט ער זיך געבעטן ביי עפרון החתי אים פארקויפן די מערת המכפלה. גר ותושב אנכי עמכם—כ׳בין טאקע אן איינוואנדערער פון א פרעמד לאנד, אבער איך בין דא א תושב און מוז זיין גלייכבארעכטיקט מיט אלע בירגער. אברהם האט, קאנטיק, שוין דאמאלט ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז די וואס וואוינען אין א לאנד שוין אסך יארען, זיינען ניט קיין גרעסערע יחסנים פון די נייע איינגעוואנדערטע און אז אלע מוזן צוגלייך געניסן פון יעדן רעכט.

ארגומענטירנדיק מיט די קינדער פון חת, האבן איינע די אנדערע ארויסגעוויזן די אריענטאלישע אויבענאויפיקע העפליכקייט. זיי האבן אברהם׳ן גערופן „נשיא אלקים", געטליכער פירשט, און ויקם אברהם וישתחו לעם הארץ—און אברהם איז אויפגעשטאנען און זיך געבוקט צום פאלק פון לאנד.

דער בוטשאטשער רב, איז אמאל געווען א מוהל אויף א ברית ביי וועלכן דער סנדק איז געווען א גרויסער גביר, אבער נאך א גרעסערער עם־הארץ. רופט זיך אפ דער סנדק צום רבין:

—זעט נאָר, רבי, וואָס פאַר אַ גרויסער מענש איך בין, אַז אַפילו איר האָט געמוזט שטיין פאַר מיר איינגעבויגן. (דער סנדק זיצט געווײנטלעך אויף אַ הויכן שטול, און דער מוהל שטייט איבער אים איינגעבויגן און איז מל ס'קינד).

האָט אים דער רב אָפּגעענטפערט:

—וואָס איז דאָ אַזוי דער חידוש? ווייסט איר דען ניט דעם פּסוק אין חומש, אַז וישתחו אברהם לפני עם הארץ, אַז אברהם בוקט זיך פאַר אַן עם הארץ ? !

נאָך דער גאַנצער העפליכקייט און דינגעניש, האָט אברהם געמוזט אָפּוועגן פיר הונדערט זילבערנע טאַלער און דווקא אַזעלכע וואָס זיינען „עובר לסוחר", וואָס ווערן אָנגענומען פון יעדן געשעפטסמאַן. אין די עטלעכע מאָל וואָס דער נאָמען עפרון ווערט אין דער סדרה דערמאָנט, איז ער אויסגעליינט מיט אַ „ו" נאָכן „ר" אחוץ אין דעם איינעם פּסוק איז ער אַ חסר, ס'הייסט: ער איז אויסגעליינט אָן אַ „וואוו". זאָגט רש"י, אַז ס'איז דערפאַר וואָס עפרון האָט אַ סך צוגעזאָגט און ווייניק מקיים געווען. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אָמפּערן מיט אברהם'ען אַז ער וויל ניט קיין געלט, און אַז ס'איז געקומען צום ציילן האָט ער דווקא געוואָלט די בעסטע און זיכערסטע שקלים.

אַ מגיד האָט אַמאָל געזאָגט: אָט פון דאַנען קאָן מען זען דעם אונטערשייד פון אַמאָל ביז היינט. עפרון איז דאָך כידוע געווען דער ערשטער חברה־קדישא מאַן, דאָך זאָגט רש"י אויף אים אַז „עפרן חסר", און אַ היינטיקער חברה קדישא מאַן איז תמיד מלא . . .

און אברהם איז געוואָרן אַלט, געקומען אין די יאָרן, און גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס (בראשית כ"ד, א').

דער מענש וואָס זוכט צו פּטר'ן די טעג אין פּוסטע זאַכן, איז ביי אים יעדער טאָג ווי אַ צל עובר, אַ פאַרבייגייענדיקער שאָטן. אָט קומט ער, און אָט איז ער שוין אַוועק. אַנדערש איז אָבער מיט אַ גייסטיק דער־הויבענעם מענשן ווי אברהם. ביי אים האָט יעדער טאָג אַ באַזונדערן קיום און חשיבות, ווייל ער ווערט פאַראייביקט דורך גוטע מעשים. אָט דאָס מיינט אודאי דער פּסוק: בא בימים, געקומען אין די טעג און יאָרן, געהאַט אַ סך טעג וואָס זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען אין פּוסטקייטן און אין נאַרישקייטן.

אויפן פסוק „וה׳ ברך את אברהם בכל״ זאָגט דער מדרש: מלמד, פון דאַנען אין געדרונגנען אַז שבת היה לאברהם ובכל שמה, אַז אברהם האָט געהאַט אַ טאָכטער און איר נאָמען איז געווען: בכל.

פרעגט די וועלט: אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט יצחק ניט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער בכל? ס׳איז דאָך געווען פאַר מתן תורה און אַ ברודער האָט דאָך געמעגט חתונה האָבן מיט אַ שוועסטער?

ענטפערט די וועלט: יצחק האָט געוואָלט אַ ווייב על פי פשט און ניט על פי דרש . . . אגב, איז יצחק שוין געווען אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר פערציק, האָט ער ניט געוואָלט וואַרטן ביז דער מדרש וועט מאַכן פון „בכל״ אַ שוועסטער . . .

תיכף נאָך דעם פריערדיקן פסוק ווערט דערציילט ווי אברהם האָט באַשוואָרן זיין טרייען באַדינער, אליעזר׳ן, גיין קיין ארם נהרים וואו ס׳האָבן געוואוינט אברהם׳ס קרובים, און דאָרטן אויסקלויבן אַ פרוי פאַר יצחק׳ן. די שייכות צווישן די צוויי פסוקים ליגט אינם פאַקט, וואָס אברהם איז געווען געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס און וואָלט אודאי געקענט טאָן אַ גאָר געהויי־בענעם שידוך, אפשר קריגן אַ רייכע פּרינצעסין פאַר אַ שנור, און דאָך האָט ער אליעזר׳ן געשיקט קריגן די אָרימע אָבער פרומע און גוטהאַרציקע רבקה.

אַז רבקה איז אונטערגעוואַקסן און איר פאָטער, בתואל, האָט איר איינגעשאַפט אַ דינסט, האָט רבקה דער דינסט געגעבן אירע בעסטע קליי־דער און צירונג און זי אַפּגעשיקט אַהיים ווי אַ פרייע בירגערין.

אליעזר איז אָנגעקומען אין חרן און זיך געשטעלט ביים ברונים. אַ סימן האָט ער זיך געמאַכט: ווען ער וועט בעטן אַ מיידל אים געבן אַ טרונק, און זי וועט זאָגן: „טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען,״ איז זי די דאָזיקע וואָס איז פון גאָט באַשערט צו זיין די פרוי פון זיין האַר׳ס זון, יצחק.

זייענדיק נאָך ווייט אַוועק פון ברונים האָט אליעזר געזען ווי אַ קינד איז געפאַלן און זיך פאַרוואונדעט, און קיינער אַחוץ רבקה האָט זיך אויפ׳ן קינד ניט אומגעקוקט, רבקה האָט דעם קינד פאַרבונדען די וואונד און עס אַפּגעפירט אַהיים. אויפן וועג האָט זי דערזען אַ בלינדע פרוי בלאָנדזשענדיק מיטן שטעקן אין האַנט, האָט רבקה אויך איר געהאָלפן און אַרויסגעוויזן גרויס רחמנות, צוריקקומענדיק צום ברונים אַ פאַרמאַטערטע און דערזעענדיק

אליעזר'ן אָנקומען א פארשטויבטן, איז זי אים גלייך אנטקעגן געלאָפן מיט א קרוג פרישן וואסער. ווען אליעזר האָט פארענדיקט טרינקען, האָט זי ווידער א כאפ געטאָן דעם קרוג און געזאָגט:

—אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען.

האָט אליעזר דאמאָלט פארשטאַנען אַז זי איז יצחק'ס באַשערטע, און ער האָט איר געגעבן מתנות.

אַז רבקה איז אהיימגעקומען און אַלעמען געוויזן די פילע רייכע מתנות, איז לבן, איר רמאישער און שווינדלערישער ברודער, גיך אוועקגע־לאָפן צום ברונים און געבעטן אליעזר'ן צו זיך אהיים. לבן'ס רעכענונג איז געווען: מה'דאָך אַז ער איז אַזוי רייך און פארשווענדעריש צו געבן מתנות א מיידל פאר א בלויזן טרונק וואסער, טאָ וועל איך דאָך אודאי און אודאי קריגן רייכע מתנות פאר ברענגען אים אהיים. האָט ער טאַקע ניט פארגעסן צו באַטאָנען: אנכי פניתי—איך האָב אויפגעראַמט די שטוב פאר דיר! לבן האָט מורא געהאט אַז טאַטע־מאַמע וועלן קריגן גאָר די מתנות, האָט ער זיך צוגעאיילט צו דערמאָנען אליעזר'ן, אַז ער, לבן, און נאָר ער, האָט אים געלאַדן אהיים און צוגעגרייט אָט די פילע באקוועמליכקייטן. אַז איינער איז אומערלעך, א רמאי און שווינדלער, וועט ער סוף כל סוף אפילו אייגענע טאַטע־מאַמע אָפּנאַרן און באַשווינדלען.

אַז אליעזר האָט דערזען די גוטע מאכלים וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט, האָט ער אָנגעהויבן תופס צו זיין די כונה און דעריבער געזאָגט: לא אכל עד אם דברתי דברי — איך וועל ניט עסן איידער איך וועל ריידן: ערשטנס, בין איך דאָ וועגן א שידוך. איז בכן, וועט ווערן א שידוך, וועל איך עסן; וועט דער שידוך ניט אויסגעפירט ווערן, וועל איך ניט עסן. והשנית, זאָלט איר וויסן, אַז עבד אברהם אנכי, אַז איך בין בלויז א קנעכט ביי אברהם'ען און קאָן ניט פּראָווען קיין באַנקעטן און געבן מתנות אחוץ די וואָס קומט דער כלה.

די אגדה דערציילט, אַז בתואל האָט אפילו פארטראכט אליעזר'ן צו פאר'סם'ען, נאָר בתואל איז דערפון געשטאָרבן. דער זעלבער מלאך האָט אויך געוואָרנט אליעזר'ן ניט צו מאכן קיין סך מחזקות'ן מיט רבקה'ס פאַ־מיליע, נאָר זיך צואיילן און איר פון דאָרטן אוועקנעמען.

רש״י זאָגט אַז אײגנטלעך האָט אליעזר זיך געבעטן בײַ אברהם׳ן זיך מיט אים מתחתן צו זײַן. אליעזר האָט געהאַט אַ טאָכטער, אלי, און זי האָט דוקא געוואָלט זײַן יצחק׳ס ווײַב. אברהם האָט אָבער צום שידוך ניט צוגעשטימט, און געענטפערט אליעזר׳ן:

— בני ברוך ואתה ארור ואין ארור מדבק בברוך — מײַן זון איז געבענטשט און דו ביסט פאַרשאָלטן, און אַ פאַרשאָלטענער באַהעפט זיך ניט מיט אַ געבענשטן.

די וועלט פרעגט דאַרויף אַ קשיה: אברהם האָט דאָך באַדאַרפט זאָגן פאַרקערט, אַז אַ געבענשטער באַהעפט זיך ניט מיט אַ פאַרשאָלטענעם?

ענטפערט די וועלט: אַזוי גיך ווי דער געבענשטער למדן און יחסן איז מסכים זיך משדך צו זײַן מיטן ארור, מיטן גראָבן יונג און געלט־זאַק, ווערט יענער שוין דער פײַנשמעקער און הויבט זיך אָן צו קרימען.

רש״י וויל דוקא האָבן אַז מיט אליעזר׳ן האָט געטראָפן אַ נס און האָט געהאַט קפיצת הדרך, דורכמאַכנדיק די גאַנצע נסיעה אין אײן אײנציקן טאָג.

דערצײלט מען דאַרויף דאָס דאָזיקע מעשה׳לע:

אַ חסידישער רבי איז אַמאָל געפאָרן זיך מחתן זײַן מיט אַ גביר אין אַ ווײַטער שטאָדט. אויפן וועג אָפּשטעלנדיק זיך אין אַ קרעטשמע, האָבן חסידים פאַר אים אויסגערעדט כל דבר רע שבעולם סײַ אויפן רײַכן מחותן און סײַ אויף דער טאָכטער. דער רבי האָט זיך ניט געקענט אַנט־קעגנשטעלן דעם רצון פון זײַנע חסידים און מיט גרויס ווײַטיק געמוזט אויסדרייען דעם דישעל און אַהײמפאָרן.

מיט וואָכן שפּעטער האָט ער נאָך אַ חקירה ודרישה אויסגעפונען, אַז דאָס וואָס די חסידים זײַנע האָבן אים דערצײלט איז געווען פּשוטע לשון הרע און רכילות. האָט דער רבי געגעבן אַ טיפן קרעכץ און געזאָגט:

ערשט איצטער פאַרשטײ איך שוין פאַרוואָס רש״י וויל דוקא האָבן, אַז אליעזר האָט געהאַט קפיצת הדרך. וואָרן וואָלט אליעזר זיך געמוזט אָפּשטעלן אויפן וועג אין קרעטשמעס און אין אכסניה׳ס, וואָלטן זיך אודאי געווען געפונען חסידים וואָס וואָלטן אויף רבקה׳ן אָנגערעדט אַלדאָס בײזן און דער שידוך וואָלט חלילה בטל געוואָרן.

דער מדרש זאָגט: אײדער ס׳איז פאַרגאַנגען די זוניקע ליכטיקײט פון שרה׳ן, האָט שוין אויפגעשײַנט די זון פון רבקה. די אידישע השקפה איז

תמיד א בראשית׳דיקע, תמיד א יצירה׳דיקע. אפילו דער טוידט איז ניט קיין טראַגעדיע, ווייל איידער איין זון פאַרגייט שיינט שוין אויף אַן אַנדערע. איידער ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון פון משה, האָט אויפגעשיינט די זון פון יהושע. איידער ס׳איז געשטאָרבן רבי עקיבא, איז רבי יהודה הנשיא געבוירן געוואָרן און איידער רבי יהודה הנשיא איז געשטאָרבן, איז רבי אבאָ געבוירן געוואָרן. דערפון נעמט זיך ביים עכטן אידן דער גרויסער אָפּטימיזם און גלויבן אינם נצח ישראל.

תולדות

און יצחק האָט געבעטן צו גאָט פון וועגן זיין ווייב, ווארן זי איז געווען אַן עקרה (בראשית כ״ה, כ״א).

אין די צוואַנציק יאָר פון אומפרוכטבאַרקייט, האָבן יצחק און רבקה כסדר תפילה געטאָן צו גאָט. יצחק איז געשטאַנען אין איין ווינקל און געבעטן, און רבקה אין אַ צווייטן ווינקל. זי האָט געבעטן גאָט זאָל איר העלפן אין זכות פון איר מאַן, יצחק, וועלכער איז אַ צדיק בן צדיק, און ער האָט געבעטן געהאָלפן צו ווערן אין זכות פון זיין ווייב, רבקה, וועלכע האָט זיך געהאַדעוועט צווישן רשעים און דאָך געווען גוט און פרום.

אַז רבקה איז שוין טראָגנדיק געוואָרן, איז ויתרצצו הבנים בקרבה—האָבן זיך די קינדער געשטויסן אין איר. דער אָנהויב פונם אייביקן „ויתרצצו", אין דעם „אלה תולדות", דער שטענדיקער געראַנגעל אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק. ס׳איז דער קאַמף צווישן צוויי כחות מיט פאַרשידענע צילן און מיטלען: יעקב זוכט עולם הבא, און עשיו—עולם הזה; יעקב באַנוצט זיך מיט אידייאישע מיטלען, מיט תורה און גייסטיקייט, און עשיו—מיט ביקס און שווערד.

דער מדרש (בראשית רבה ס״ג) זאָגט, אַז בעת רבקה איז פאַרבייגעגאַנגען אַ בית המדרש, האָט זיך יעקב געריסן אַרויסצוגיין און בעת זי איז פאַרביי אַ קלויסטער, האָט עשיו זיך געריסן אַרויסצוגיין. רבקה איז דאָ די אידישע מאַמע וואָס טראָגט מיט זיך דעם צער פון זען ווי אירע קינדער רייסן זיך אַרום, גייענדיק יעדער אין אַ באַזונדערן וועג מיט אַן אייגענעם גאָט און תורה.

און זי האָט געזאָגט: אויב אַזוי, נאָך וואָס דען לעב איך? און זי איז געגאַנגען פרעגן ביי גאָט (בראשית כ״ח, כ״ב).

אין איר גרויס פאַרצווייפלונג, זוכט די אידישע מאַמע אַ דערקלערונג און פּרובירט דערפאַרשן דעם סדר העולם וואָס איז פון פאַראויס באַשטימט פון דער השגחה. דער מדרש דערציילט, אַז רבקה איז אַרומגעגאַנגען

צווישן שכנים און געפּרעגט, צי זיי האָבן אויך געליטן אַזעלכע ווייטאָקן. רב חונא דערקלערט דייטלעכער: אם כן למה זה אנכי? אויב אַזוי אַרום דאַרף איך אויפשטעלן די צוועלף שבטים וועמענס געבורט און אָנהויב איז שוין פול מיט ווייטיק און צער?

מיין טאַטע, ז"ל, האָט געטייטשט: אם כן למה זה אנכי, אויב אידן דאַרפן דורכמאַכן אַזאַ שווערן גורל, טאָ וואו איז דער געטלעכער אנכי?

אַלע מפרשים באַשעפטיקן זיך מיט דער פראַגע צו וועמען רבקה איז געגאַנגען פאַרשן. דער אבן עזרא זאָגט, אַז זי איז געגאַנגען צו אַ שליח פון גאָט. דער רשב"ם זאָגט, אַז זי איז געגאַנגען פרעגן ביי די דאַמאַלסדיקע נביאים. דער מדרש זאָגט, אַז זי איז געגאַנגען פרעגן אין בית המדרש פון שם און עבר. שם איז געווען נח'ס זון און עבר איז געווען זיינס אַן אייניקל, און ביידע האָבן אָנגעפירט מיט אַ ישיבה אין וועלכער מ'האָט געלערנט אָפּצוהיטן די זיבן פונדאַמענטאַלע מצוות פון ניט רויבן, ניט מאָרדן און ניט עסן קיין בלוט. דאָס באַווייזט, אַז די קינדער פון שם, די סעמיטן, די איצטיקע אידן, האָבן שוין דאַמאָלט געהאַט מאָראַלישע געזעצן.

און גאָט האָט צו איר געזאָגט: צוויי אומות זיינען אין דיין לייב, און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעווייד צעשיידן און איין פאָלק וועט זיין שטאַרקער פון אַנדערן און דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערן (בראשית כ"ה, כ"ג).

רבקה, די אידישע מאַמע, האָט זיך באַרואיקט ווען זי האָט תופס געווען דעם זין פון דעם היסטאָרישן געראַנגל צווישן יעקב'ן און עשיו'ן.

אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפן דאָרויף אַ פאָלקסווערטל: אייגנטלעך, האָט רבקה אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין אַז זי שוואַנגערט מיט אַ יעקב און אַן עשיו, טאָ פאַרוואָס איז זי געגאַנגען פאַרשן און פרעגן? איז דער תירוץ, אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר ערגערס; זי האָט געמיינט אַז זי שוואַנגערט מיט אַ ליטוואַק און אַ גאַליציאַנער. אַ ראיה לדבר, אַז זינט דאַמאָלט ליידן מיר טאַקע פון דעם דאָזיקן ויתרוצצו: חסידים און מתנגדים, ליטוואַקעס און גאַליציאַנער, רבנים און רעווערענדס, און נאָך און נאָך.

און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, און זיין האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם טריט פון עשיו'ן: און מ'האָט גערופן זיין נאָמען יעקב (בראשית כ"ה, כ"ו).

דערציילט דארויף די אגדה, אז יעקב האט זיך נאך ביים געבורט שטארק מצער געווען וואס ער קאן ניט לעבן בשלום מיט זיין ברודער עשיו. יעקב האט דאמאלט שוין איינגעזען אז ער קאן ניט בלייבן לעבן אין זיין אייגן גייסטיק וועלטל און לאזן עשיו'ן הערשן און געוועלטיקן. אט דער דאזיקער ערשטער געראנגל צווישן יעקב'ן און עשיו'ן איז דער אנהויב פון טויזנטיאריקן קאמף וואס דער איד פירט פאר זיין עקזיסטענץ צווישן די מעכטיקע פעלקער.

און די אינגלעך זיינען אויסגעוואקסן; און עשיו איז געווען א מענש געניט אין געיעג, א פעלדמענש, און יעקב איז געווען א שטילער מענש וואס זיצט אין געצעלטן (כ"ה, כ"ז).

דער אונטערשייד צווישן יעקב און עשיו איז אין דער פיזישער גבורה. עשיו איז דער יעגער און פאנגער, דער מלחמה־מענש און בלוט פארגיסער, און יעקב איז דער גייסטיקער ריז, דער וואס זוכט אומצוברענגען ברוטאלע פיזישע מאכט וואס פירט תמיד צו מלחמה און בלוט פארגיסונג. יעקב און עשיו זיינען צוויי היפוכים, און קאנען זיך קיינמאל ניט צונויפגיסן.

די אגדה דערציילט אז אפילו די שכנים האבן אנגעוויזן אויף דער אנדערשקייט פון די צוויי אינגלעך און פלעגן צווישן זיך זאגן: יעקב איז א פראכטיקע בלום, און עשיו—א שטעכעדיקער דארן. עשיו איז געווען א כעסן, זיך מיט איטלעכן געקריגט און תמיד ארומגעלאפן מיטן פייל און בויגן אין האנט. יעקב איז געווען א שטילער, א ליבלעכער, און קיינעם חלילה ניט באליידיקט אדער ווי געטאן.

עשיו איז אויך געווען א ליגנער און אפנארער, און האט מיט זיינע ליגנס געמאכט יצחק'ן גלויבן אז ער איז פרום און גוטהארציק. אז עשיו פלעגט קומען פון וואלד, פלעגט ער דערציילן, אז ער האט געלערנט תורה. אמאל האט ער דערציילט אז ער האט געגעבן מעשר פון אלץ וואס ער האט געפאנגען אויפן יאגד, און האט זיך נאך געמאכט תם'עוואטע און געפרעגט צי ער דארף געבן מעשר אויך פון זאלץ און שטרוי. זייענדיק דער עלטערער זון, האט עשיו געהאט דעם אויפגאב צו באדינען זיינע עלטערן. פלעגט ער טאקע תמיד ברענגען גוטע עסנס פון זיין געפאנג, און דערמיט געווינען די ליבע און אכטונג פון זיין טאטן, וועלכער איז דאמאלט שוין געווען בלינד און זיך בלויז געקענט משער זיין אז עשיו נארט אים און איז גארניט אזא צדיק ווי ער מאכט זיך.

די וועלט פרעגט: פונוואנען האָט רבקה גענומען אזוי פיל דערפאַרונג און קענטשאַפט, ניט צו דערלאָזן עשיו זאָל איר נאַרן ווי ער נאַרט דעם טאַטן?

ענטפערט די וועלט: יצחק איז געווען אברהם׳ס א קינד, געהאַט א פיינע דערציאונג אין א סביבה פון ערלעכע און האַרציקע מענשן, האָט ער זיך ניט פאַרשטאַנען אויף פאַלשקייטן. רבקה האָט זיך אָבער געהאָדעוועט אין א סביבה פון לבן הארמי, האָט זי זיך געקאָנט אויף אַלע זייערע ליגנערישע און פאַלשע שטוקעס. זי האָט דאַריבער לייכט דערזען די צבועות פון איר זונדעלע עשיו, און זיך פון אים ניט געלאָזט נאַרן.

אז גאָט האָט געזען—זאָגט דער מדרש—אז עשיו נאַרט אָפּ זיין טאַטן און וועט דערפאַר קריגן פון יצחק׳ן גאָר די ברכות, האָט ער באַפוילן אז יצחק׳ס אויגן זאָלן טונקל ווערן כדי ער זאָל ניט קענען זען ווער ס׳קומט נעמען די ברכות.

מאַך מיר זיסע שפּייז ווי איך האָב ליב, וועל איך דיך בענשן איידער איך שטאַרב (בראשית כ״ז, ד׳).

דער אהל יעקב פרעגט: פאַרוואָס האָט יצחק געפאָדערט זיסע שפּייז ווי א באַלוינונג פאַר דער ברכה? דער תירוץ איז: יצחק האָט געמוזט בענשן עשיו׳ן מחמת ער איז געווען דער בכור, ס׳האַרץ זיינס האָט אים אָבער געזאָגט אז עשיו פאַרדינט ניט די אַלע גוטע ברכות, האָט ער זיך דאַריבער געהייסן פריער געבן א גוטן מאָלצייט. ס׳איז פונקט ווי איינער וואָס דאַרף טאָן עפּעס אזוינס וואָס איז אים ניט ניחא, מאַכט ער פריער א גוטן שנאַפּס כדי זיך אָנצונעמען מיט האַרץ און חשק.

און רבקה האָט געזאָגט צו יעקב׳ן איר זון, אזוי צו זאָגן: זע, איך האָב געהערט דיין פאָטער ריידן צו דיין ברודער (בראשית כ״ז, ו׳).

א מאַמע קאָן תמיד אירע קינדער בעסער איידער דער טאַטע, און רבקה האָט דאַריבער בעסער געוואוסט ווער פון אירע זין ס׳פאַרדינט צו קריגן די גוטע ברכות. האָט רבקה געהייסן יעקב׳ן זיך אנטאָן אין די האַריקע קליידער פון עשיו, אַוועקטראָגן דעם טאַטן די זיסע שפּייזן און קריגן דערפאַר די ברכות. יעקב האָט אפילו מורא געהאַט, האָט די מאַמע צו אים געזאָגט: עלי קללתך בני—אויף מיר זאָל זיין די קללה, מיין זון!

פרעגט די וועלט: ווי קומט עס טאַקע וואָס רבקה האָט ניט מורא געהאַט פאַר איר מאַנ׳ס קללה? ענטפערט מען: אפילו די גוטע רבקה האָט שוין געוואוסט, אז וואָס שייך קללות קאָן א פרוי בעסער איידער דער מאַן...

אז יעקב איז געקומען נעמען די ברכה, האָט יצחק זיך באַצווייגן מיט גרויס חשד. עפּעס איז עס ניט געווען דער אמת׳ער עשיו, אט דער וואס איז אזוי משוגם׳דיק, אזוי פּראָסט און גראָב. האָט ער אויסגערופן:

—הקול קול יעקב, והידים ידי עשיו—דער קול איז יעקב׳ם און די הענט זיינען עשיו׳ם!

ר׳ שמואל מאליווער פלעגט דארויף זאָגן: יעדעם מאָל וואָס עשיו׳ם הענט צעשפּילן זיך, דערוועקט זיך ביי יעקב׳ן זיין אמת׳ער קול; ער קערט זיך דאמאָלט אום צוריק צו אידישקייט.

די גמרא טייטשט: בזמן שהקול קול יעקב, כל זמן דער קול של יעקב הערט זיך אין די שולן און אין בתי מדרשים, כל זמן ס׳הערט זיך דער ניגון פון תנו רבנן, אין הידים ידי עשיו — האָבן עשיו׳ם לאַפּעס קיין שליטה ניט; ווען אָבער דער קול פון יעקב הערט זיך מער ניט, חידים ידי עשיו — דאמאָלט געוועלטיקן עשיו׳ם לאַפּעס איבערן אידן. אזוי איז עס געווען אמאָל, און אזוי וועט עס אודאי זיין. אידן האָבן בלויז איין געווער־מיטל קעגן עשיו׳ם הענט: דער צובונד צו דער תורה און טראדיציע.

דער רבי ר׳ יצחק מאיר פלעגט זאָגן: באמת האָט יעקב זיך ניט גענייטיקט אין יצחק׳ם ברכות, נאָר רבקה האָט געזען בחוש אז ס׳וועט אמאָל קומען א צייט וואָס אידן וועלן זיך באַמיען אָנצוקליידן אין עשיו׳ם קליידער, וועלן פאַרוואַרפן די אייגענע ווערטן און אויפנעמען די פרעמדע, די גויעשע, און אָט דאמאָלט וועלן זיי זיך שוין יאָ נויטיקן אין יצחק׳ם ברכה.

אמאָל איז צום זעלבן רבי׳ן געקומען א זיידענער יונגעמאַנטשיק און געפּרעגט צי ער זאָל אויפגעבן די קעסט און ווערן א סוחר. דארויף האָט אים דער רבי געענטפערט אזוי:

ס׳שטייט אין דער תורה: ויאהב יצחק את עשיו כי ציד בפיו, יצחק האָט ליב געהאַט עשיו׳ן ווייל ער האָט אים געבראַכט געפאַנג און אים גע־געבן עסן. זאָגט דארויף רש״י, אז עשיו פלעגט אָפּנארן זיין טאַטן מיט פרומע שאלות וועגן מעשר. איז דאָך קשה: פאַרוואָס האָט יצחק געהאַלטן עשיו׳ם כלומרשטדיקע פרומקייט פאַר וויכטיקער ווי יעקב׳ם זיצן יום ולילה על התורה ועל העבודה? איז דער תירוץ: יצחק האָט געמיינט אַז יעקב איז א פשוטער בטלן, א מין קעסט קינד, וואָס ווייסט ניט און פארשטייט ניט די וועלט מיט אירע פאַלשקייטן, און אָט דערפאַר ווייל ער איז אזא בטלן און

טויגעניכטס זיצט ער תמיד און לערנט. עשיו אָבער איז געווען אַ סוחר, אַ יעגער, אַ וועלט מענש, און דאָך איז ער געקומען פרעגן שאלות, איז אַזוינס יצחק'ן שטאַרק געפעלן. ערשט שפעטער ווען עשיו האָט זיך באַ־קלאָגט אַז יעקב האָט אויסגענאַרט די ברכה, האָט יצחק איינגעזען אַז יעקב איז גאַרניט אַזאַ בטלן ווי ער האָט געמיינט, אַז אויך יעקב ווייסט די סוחרישע שטיקעם און פאַלשקייטן, און דאָך זיצט ער יום ולילה און לערנט, קומט אים דערפאַר גאָר די ברכה.

דער אַמער־קאַנער עולם האָט זיך אויך זיין אייגענעם טייטש: הקול קול יעקב, אַז מ'מאַכט אַן אַפיל פאַר צדקה, לאָזט זיך דער איד הערן מיטן קול יעקב און איז מנדר מיטן פולן מויל. ווען ס'קומט אָבער צום אַריינ־לייגן די הענט אין קעשענע און באַצאָלן דעם נדר—דאַמאָלט איז שוין הידים ידי עשיו, דאַמאָלט ווערן שוין זיינע הענט פאַרגרעבט און רירן זיך ניט פון אָרט.

האָט ער געגענט, און האָט אים אַ קוש געטאָן. און ער האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע בגדים, און ער האָט אים געבענשט און געזאָגט: זע, דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פון פעלד וואָס גאָט האָט געבענשט (בראשית כ"ז, כ"ז).

ס'זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן ריחות: אַ ריח פון עצם, פון דער זאַך אַליין, און אַ ריח במקרה, אַ ריח וואָס קומט ניט פון זיך. דער ריח פון אַ פעלד, אַ בוים, אַ בלום, איז אַ ריח פון פערפיום, וואָס מ'גיסט אַרויף אויף די קליידער, איז בלויז אַ ריח במקרה, אַ צופעליקער און אומנאַטירלעכער, און ווערט גיך אויסגעוועפּט. אַזוי איז אויך מיט אידישקייט: אַ איד וואָס איז באַוואוסטזיניק און טריי, איז דער ריח אַן עצם'דיקער און ממילא אַ דויערנדיקער. אַ איד אָבער וואָס באַגיסט זיך אַמאָל, במקרה, מיט אַביסל אידישן פערפיום, גיט אַמאָל אַ דאָלאַר אויף צדקה אָדער גייט אַמאָל אין שול זאָגן קדיש, אַזאַ איד האָט ניט דעם ריח פון פעלד, איז ניט דויער־האַפטיק, ווערט גיך אויסגעוועפּט און האָט אַ קליינעם ווערט.

אָט דאָס דאָזיקע האָט יצחק געזאָגט צו יעקב'ן: ראה, זע מיין קינד, דיין ריח זאָל זיין ווי דער ריח פון פעלד, אַן עצם'דיקער און שטענדיקער, אוז דאַמאָלט וועט זיין: ויתן לך האלקים מטל השמים—דאַמאָלט וועט גאָט דיר געבן צו געניסן פונם טוי פון פעלד און פון דער פעטקייט פון דער

ערד. דער מדרש זאָגט דאַרויף: יתן לך הברכות ויתן לך אלהותא—ער זאָל דיר געבן די אַלע ברכות און זאָל דיר אויך געבן געטלעכטקייט, ווייל רייכקייט אָן געטלעכקייט דערווייטערט און פארפרעמדט דעם איד פון אידישקייט און אידישן לעבן.

די גמרא זאָגט (ברכות ל"ב): בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, בעת אידן טוען דעם ווילן פון גאָט מלאכתן נעשית על ידי אחרים, ווערט זייער אַרבעט געטאָן דורך אַנדערע. בעת אידן זיינען פארנומען אין שאַפונג און אין פאַרשפרייטונג פון גרויסע ווערטן, איז יעבדוך עמים וישתחוו לך לאומים—דאמאָלט דינען דיך די אַנדערע פעלקער, זיי פאָלגן אויס דיינע לערעס און בוקן זיך צו דיינע גייסטיקע הויכקייטן. אויב אָבער אידן פאַר־לירן זייערע גייסטיקע ווערטן, ווערן זיי פאַראַכטעט.

דיין וואוינונג וועט זיין פון די פעטקייטן פון לאנד און פונם טוי פון הימל; אויף דיין שווערד וועסטו לעבן און דיין ברודער וועסטו דינען (בראשית כ"ז, ל"ט—מ').

דער אונטערשייד אין די ברכות איז בולט און קלאָר: ביי יעקב'ן שטייט „ויתן לך האלהים", די הצלחה וועט קומען פון גאָט דעם כח שבכל הכחות, און יעקב וועט זיך ניט דאַרפן אָנשטרענגען; ביי עשיו'ן שטייט בלויז „משמני הארץ", בלויז וואָס די נאַטור וועט געבן. ביי יעקב'ן שטייט פריער „מטל השמים", פריער דאָס הימלישע און געטלעכע און דערנאָך דער משמני הארץ, דאָס ערדישע און מאַטעריעלע, און ביי עשיו'ן איז אַלץ פאַרקערט: פריער משמני הארץ, און ערשט דערנאָך דער טל השמים.

די וועלט פרעגט: וואָס איז עס פאַר אַ ברכה פאַר עשיו'ן, אַז ער דאַרף זיין אַ באַדינער ביים ברודער? ענטפערט די וועלט: ס'איז שוין גאָר אַ ברכה! בפרט דאָ אין אַמעריקע, וואו אונזערע גרויסע אידישע פאַבריקאַנטן גיבן ניט קיין אַרבעט צו קיין אידן נאָר דוקא צו עשיו'ן.

זאָלן זיך דערנענטערן די טרויער טעג נאָך מיין פאָטער, און איך וועל טויטן מיין ברודער יעקב (בראשית כ"ז, מ"א).

דער פשוט'ער טייטש איז, אַז אפילו אַזאַ רשע ווי עשיו האָט אויך אָפּשיי געהאַט פאַרן טאַטן און אים ניט געוואָלט מצער זיין אויף דער עלטער. די וועלט האָט אָבער איר אייגענעם טייטש:

עשיו האָט זיך געטראַכט: נעמען אַזוי זיך און אוועק'הרגענען אַ ברודער, וועט ווערן אַ ויצעקו, אַ הימל־געשריי, פונקט ווי דאַמאָלט בעת קין האָט געטוידט זיין ברודער הבל. דאַריבער וועל איך בעסער אונטער־

ווארטן ביז איך און יעקב וועלן ווערן אבלים און דארפן גיין אין שול דאווענען פארן עמוד און זאגן קדיש. דאמאלט וועל איך, ווי ס'איז דער שטייגער, פארפירן א מחלוקה צי ווען ס'געהערט דאס עמוד ברעטל און אים כלומרשט אין אויפרעגונג געבן א טוידט קלאפ. ס'וועט דאמאלט הייסן אז איך האב אים געטוידט צוליב מיין קנאי'דיקער פרומקייט, און מ'וועט מיר נאך אפגעבן א סך כבוד וואס איך האב דוקא געוואלט דאווענען פארן עמוד.

ויצא

און יעקב האָט פארלאָזן זיין היים אין באר שבע און אוועק קיין חרן (בראשית כ"ח, י').

יעקב האָט גענומען דעם וואנדערשטעקן אין האנט צוליב צוויי סיבות: די מורא פאר זיין ברודער עשיו, און די עצה פון זיינע עלטערן ניט צו נעמען קיין ווייב פון די טעכטער פון כנען.

אויפן וועג האָט זיך יעקב'ן גע'חלומ'ט ווי ער זעט שטיין אויף דער ערד א לייטער וועמענס שפיץ ס'דערגרייכט דעם הימל, און אויפ'ן לייטער גייען מלאכים ארויף און אראָפּ. די אגדה דערציילט, אז ביינאכט האָט יעקב גענומען צוועלף שטיינער פונם מזבח אויף וועלכן זיין פאָטער יצחק איז געפירט געוואָרן צו דער עקידה, און די שטיינער ארומגעלייגט ארום זיך ווי א שוץ קעגן ווילדע חיות. עטלעכע שטיינער האָט ער אויך געלייגט צוקאָפּנס, האָבן אָבער די שטיינער זיך אָנגעהויבן צו קריגן און יעדער איינער שטיין האָט געוואָלט אז נאָר אויף אים און ניט אויף אן אנדערן זאָל יעקב לייגן זיין קאָפּ. האָט גאָט געזאָגט צו די שטיינער:

—קריגט זיך ניט, איך וועל פון אייך אַלעמען מאכן איין שטיין.

האָבן די שטיינער זיך בארואיקט און געשלאָסן צווישן זיך א שלום. דאמאָלט האָט יעקב דערזען אז גאָט איז מיט אים, וואָרן דאָרטן וואו ס'הערשט שלום, דאָרטן רוט אויך די שכינה.

היינטיקע צייטן טרעפט, אז א רב, א צדיק, וויל לעבן רואיק און טאָן זיין עבודה ערנסט און אויפריכטיק. הויבן זיך די „שטיינערנע" הערצער אָן צו קריגן ביז פון אלע שטיינער ווערט איין איינציקער שטיין און דער רב מוז נעמען דעם וואנדערשטעקן אין האנט.

מ'דערציילט אז צום וואלאזשינער גאון, ר' נפתלי צבי בערלין, איז אמאָל געקומען א חשובער גאסט, וועלכער איז אָבער געווען א בעל־בשר, א היפּשלעך אָנגעגעסענער. ווען דער רב האָט אים דערלאנגט א שטול, האָט

דער געזעס ניט אויסגעהאלטן און געפּלאַצט . דער גאַסט האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, און דער גאון האָט אים באַגיטיקט און געזאָגט:

—ס׳האָט מיט אייך, אייגענטלעך, פּאַסירט דאָס זעלבע וואָס מיט יעקב אבינו. די לעבערלעך אינם געזעס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגן און געשריען: עלי יניח צדיק ראשו, טאָ וואָס זשע האָט גאָט געטאָן? ער האָט גענומען און געמאַכט פון אַלע געזעס-לעבערלעך איין גרויסן לאַך.

צוויי ישיבה בחורים האָבן אַמאָל געפירט צווישן זיך אַזאַ שמועס: יעקב איז דאָך געווען אַ יושב תם, אַ ישיבה בחור, טאָ פאַרוואָס האָט ער ניט אונטערגעלייגט זיינע שיך צוקאָפּנס? ערשטנס וואָלט דאָך אים געווען ווייכער ווי שטיינער, און והשנית וואָלט ער דאָך ניט משנה געווען דעם ישיבה בחורישן סדר.

פאַרשטייסט—ענטפערט אים דער אַנדערער ישיבה בחור—אויב יעקב וואָלט אונטערגעלייגט די שיך צוקאָפּנס און גאָט וואָלט פון זיי געמאַכט איין שוך, וואָלט דאָך יעקב געמוזט גיין מיט איין פוס באָרוועס.

דער בעל הטורים זאָגט: סולם בגמטריא ממון. דער טייטש וועט דאַריבער זיין אַזוי: והנה—זע, סולם—געלט, מוצב ארצה—שטייט אויף דער ערד, וראשו מגיע השמימה—אָבער זיין שפּיץ דערגרייכט דעם הימל. אפילו מיט געלט וואָס איז נידריק ווי די ערד, קאָן מען טאָן אַזעלכע נאָבעלע טאַטן, אַז מ׳זאָל לייכט דערגרייכן די הויכע הימלען. אגב, איז אַלץ אויף דער וועלט ווי אַ לייטער: אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. דער מענש שטייט טאַקע אויף דער ערד, אָבער קאָן זיך לייכט דערהויבן צו די הימלען. דער דאָזיקער מענש אָבער וואָס מיינט אַז ער איז שוין אין דער בחינה פון אַ מלאך, קאָן לייכט נידערן אין טיפער ירידה.

און דיינע קינדער וועלן זיין ווי דער שטויב פון דער ערד (בראשית כ״ח, י״ד).

דער ראַדזינער רבי פלעגט זאָגן: די טבע פון שטויב איז אַז מ׳שיט אויס בלויז אַ קליין ביסעלע, צעשפּרייט עס זיך און ווערט גאָר אַ סך, אָט אַזוי איז דער איד: ער קומט בלויז אין אַ קליינער צאָל אין יעדן לאַנד, אָבער באַלד ווערט דערהויבן איר ווירטשאַפט און ס׳צעבליט זיך די אינדוסטריע.

וואָרן איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן ביז איך וועל טאָן וואָס איך האָב גערעדט צו דיר (בראשית כ״ח, ט״ו).

צום חת"ם סופר איז אמאל געקומען א משולח פון ירושלים, און זיך באקלאגט אויפן שרעקלעכן דלות. האט דער חת"ם סופר אים גוט אויסגעמוסר'ט און געהייסן האבן בטחון. זאגט צו אים דער משולח: אודאי האבן מיר אלע בטחון, אבער וואס טוט מען ביז השם יתברך וועט שיקן די ישועה? ענטפערט אים דער חת"ם סופר: אט דאס זאגט טאקע דער פסוק: כי לא אעזבך—איך, גאט, וועל דיך ניט פארלאזן, עד אשר אם עשיתי—אפילו נאך איידער איך וועל טאן וואס איך האב צו דיר גערעדט. גאט פאר־לאזט ניט אפילו איידער ער שיקט די אמתע ישועה.

און יעקב האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף און געזאגט: ס'איז וואר גאט איז דא אין דעם דאזיקן ארט און איך האב גארניט געוואוסט (בראשית כ"ח, ט"ז).

באמת האט יעקב געוואוסט אז מלא כל הארץ כבודו, אז גאט איז אומעטום, נאר זיצנדיק אין בית המדרש פון שם ועבר האט ער געמיינט אז בלויז דארטן רוט די שכינה און אז בלויז זיצנדיק אפגעזונדערט איבער דער תורה קאן מען דערפילן די גאטהייט נעבן זיך. זייענדיק אונטערוועגנס און קומנדיק אין באריר מיט מענשן און לעבענס נויטיקייטן, האט ער אויסגעפונען אז אויך אזא עובדה ווי גיין זיך נעמען א ווייב און זיך דער־ווערבן אביסל אייגנטום, איז א געטלעכע און הייליגע עובדה. ער האט זיך געלייגט שלאפן ווי א פראסטער בשר ודם און דערצו נאך אויף א הארטן שמיין אין פעלד, און דאך האט ער געהערט גאט'ס שטים רופן צו אים. גאט איז מיט'ן מענשן אפילו אין אלטעגלעכן לעבן.

יעדער מענש—האט ר' מאיר'ל פרעמישליאנער געזאגט—וועקט זיך אין שלאף. דער חילוק איז בלויז וואס א צדיק אז ער כאפט זיך אויף ביינאכט, וואשט ער תיכף די הענט און רופט אויס ווי יעקב אבינו: אכן יש השם במקום הזה. ער ריכט דאמאלט אפ חצות, זאגט א קאפיטל תהילים אדער לערנט א בלאט גמרא. דער פראסטער איד אבער, אז ער כאפט זיך הייבט אן כראפען. אזוי שטייט ביי פרעה: ופרעה חולם ויקץ ויישן—און פרעה האט גע'חלום'ט, האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און ווידער אנטשלאפן געווארן. דער רשע שלאפט גלייך ווידער איין, אבער ניט אזוי דער צדיק. אויף אין מיטן נאכט, דרייט ער זיך איבער אויף דער אנדערער זייט און

ביי יעקב׳ן שטייט: וייקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה׳ במקום הזה—יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער גלייך אויסגערופן: ס׳איז וואר גאָט איז דאָ!

דער זהר דערקלערט דעם פסוק אַזוי:

פריער האָט יעקב געגלויבט אין גאָט בלויז טראַדיציאָנעל ווי ער האָט עס מקבל געווען פון אברהם׳ן און יצחק׳ן. זיי האָבן איז אים דעם גלויבן פאַרפלאַנצט, האָט ער זיך דאַרין געהאַלטן. איצטער אָבער האָט ער אַליין משיג געווען די מציאות השם, אַליין תופס געווען די געטלעכע דער־קענטעניש. דערפאַר זאָגט ער: אנכי לא ידעתי—ביז איצטער האָב איך געגלויבט אָבער ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען; איצט אָבער ווייס איך און פאַרשטיי אַז אכן יש ה׳ במקום הזה, אַז גאָט איז דאָ אויף יעדן אָרט און אָרט.

און ער האָט מורא געהאַט און געזאָגט: ווי מורא׳דיק ס׳איז דער דאָזיקער אָרט; דאָס איז ניט אַנדערש ווי גאָט׳ס הויז (בראשית. כ״ח י״ז).

אַז ער האָט שוין דערגרייכט צו געטלעכע דערקענטעניש, איז אויף אים שוין אויך אָנגעפאַלן אַ גרויסע יראת הרוממות, אַ הייליקע ערפורכט.

אַ רעפאָרמירטער ראַבינער האָט אַמאָל באַזוכט אַן אָרטאָדאָקסישע שול און באַמערקט ווי אורחים זיינען געשלאָפן אויף די בענק און ישיבה בחורים האָבן זיך געבאַקן קאַרטאָפל. האָט ער זיך צעשריען: סקאַנדאַליעז! אַזאַ חלול הקודש! וואָס פאַר אַ מורא׳דיקן אויסזען ס׳האָט גאָט׳ס הויז ביי אייך אָרטאָדאָקסן!

רופט זיך אָפּ אַ ישיבה בחור:

—אין דער תורה גלויבט איר דאָך, אַ יאָ? נו, וועל איך אייך ווייזן אַ בפירוש׳ן פסוק דאַרויף. ס׳שטייט: מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלהים—ווי מורא׳דיק ס׳איז דיזער אָרט, און דיזער אָרט איז ניט עפּעס אַנדערש ווי גאָט׳ס הויז. דערפון איז געדרונגן אַז גאָט׳ס הויז דאַרף ניט האָבן דעם אויסזען פון אַ טעאַטער, נאָר פון אַ פאָלקס־הויז וואָס איז מורא׳דיק אָנגעוואָרפן.

די וועלט פרעגט אויך: פונוואַנען האָט יעקב געוואוסט, אַז ס׳איז גאָט׳ס הויז (אַ שול)?

ענטפערט די וועלט: אז יעקב האָט דערזען ווי די שטיינער הויבן זיך אָן ארומקריגן ווי יעדער איינער וואָלט וועלן זיין דער מזרח־איד און יחסן, האָט ער פארשטאַנען אַז ס'איז אַ בית אלקים, אַ שול, וואו מ'קומט דינען גאָט.

אין דער פרי האָט יעקב גענומען דעם שטיין און אים אויפגעשטעלט פאַר אַ מצבה, אַ מין מאָנומענט, און דעם אָרט גערופן: בית אל, גאָט'ס הויז. דאָרטן האָט ער אַ נדר געטאָן, אַז אויב גאָט וועט זיין מיט אים און אים געבן ברויט צום עסן און אַ בגד זיך צו באַקליידן, וועט ער דעם מאָנומענט פאַרוואַנדלען אין אַ געטלעך הויז.

דער איד הקדוש האָט געפרעגט: היתכן, קיין גרעסערע בקשה ווי ברויט און אַ בגד האָט יעקב ניט געהאַט צו בעטן?

האָט ער דאַרויף געענטפערט: בידוע, זיינען די אבות געווען נביאים. האָט יעקב דערזען בנבואה אַז ס'וועט קומען אַ צייט וואָס פאַר אַ אידן צו האָבן אַ שטיקל ברויט און אַ בגד וועט זיין פון די גאַר הארבע זאַכן, האָט ער עס געבעטן אין פאַראויס פאַר יענע לייַדנדיקע דורות.

די וועלט פרעגט אויך: פאַרוואָס האָט יעקב געזאָגט „ובגד ללבוש", אַ קלייד אָנצוטאָן? ווייסט מען דען ניט אַז אַ קלייד איז אָנצוטאָן און ניט אויף עפּעס אַנדערש? דער תירוץ איז: יעקב האָט געבעטן ער זאָל זיין בגד טאַקע קענען אָנטאָן און ניט דאַרפן אַוועקגעבן אַלס משכון אויף אַן הלואה.

אַ אידיש פאָלקס־ווערטל זאָגט: רבונו של עולם, גיב מיר, כ'בעט דיך, לחם לאכול ובגד ללבוש, ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטאָן, אַ טרונק בראָנפן וועל איך מיר דאַמאָלט שוין אַליין קויפן.

דער טאָג איז נאָך גרויס און ס'איז נאָך ניט די צייט איינצוזאַמלען די פי: טרינקט אָן די שאָף און גייט פיטערן. (בראשית כ"ט, ז').

יעקב איז בשלום אָנגעקומען אין חרן, און זיך אָפּגעשטעלט ביים ברונים. ווען די פאַסטוכער האָבן אים דערקלערט אַז זיי וואַרטן אַלע זאָלן זיך צונויפקומען און העלפן אַראָפּקייקלען דעם שווערן שטיין פון ברונים, האָט יעקב עס איינער אַליין געטאָן און אויך אָנגעטרונקען רחל'ס שאָף.

ר' מאיר'ל פרעמישליאַנער האָט אַמאָל זיך אויסגע'טענה'ט מיט גאָט: לא עת האסף המקנה—אויב, רבונו של עולם, ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט צונויפצוקלייבן דיינע צאן קדשים און זיי אויסלייזן פון גלות,

השקו הצאן ולכו ורעו—טאָ גיב זשע כאָטש דיינע אידן צום טרינקען און עסן, גיב זיי, לכל הפחות, פרנסה בכבוד!

ווען לבן דער שווינדלער האָט דערזען יעקב'ן אָנקומען אָן קעמלען און אָן קנעכט, האָט ער זיך גערעכנט אַז מסתמא פירט יעקב מיט זיך אַ סך גאָלד און האלט עס באַהאַלטן ערגעץ אין בוזים. איז ער יעקב'ן אַרויפּגעפאַלן אויפן האלז, אים שטאַרק געדריקט צום הארצן, און בעת מעשה אַרומגעטאַפּט יעקב'ס קעשענעס. אַז ער האָט זיך דערוואוסט אַז יעקב איז אָרעם, האָט ער אים דערלויבט פאַרבלייבן אין הויז בלויז אויף עטלעכע טעג. יעקב איז געוואָרן אוים גאַסט און קרוב, און געמוזט אַרבעטן שווער און ביטער פאַר זיין שטיקל ברויט און זיין פירצן יאָר אַ קנעכט צו קריגן זיין געליבטע רחל פאַר אַ ווייב.

די וועלט האָט אפילו ווייניק סימפּאַטיע מיט יעקב'ן. פאַרקערט, מ'איז אים נאָך מקנא: ער האָט געאַרבעט פירצן יאָר אויף צוויי ווייבער, און היינט אַרבעט מען אַ גאַנצן לעבן פאַר איין ווייב . . .

אין דער פרי האָט יעקב דערזען אַז ס'איז גאָר לאה (בראשית כ"ט, כ"ה).

די גמרא (מגילה י"ג) זאָגט: יעקב האָט געהאַט אַ חשד אַז לבן וועט אים אָפּטאָן אַזאַ שווינדל, האָט ער געגעבן רחל'ען געהיימע סמנים. רחל האָט אָבער ניט געקענט צו זען דעם צער פון איר שוועסטער לאה, וועלכע איז שוין געווען אַן אַלטע מויד, ניט קיין שיינע און נאָך מיט שוואַכע פאַרטרערטע אויגן, און זי האָט איר איבערגעגעבן די געהיימע סמנים. די גמרא (בבא בתרא קכ"ג) דערציילט אויך, אַז לאה איז באמת ניט געווען קיין מיאוסע, נאָר אוים מורא אַז איר וועט אָנקומען רבקה'ס עלטערער זון, עשיו הרשע, פאַר אַ מאַן, האָט זי טאָג און נאַכט פאַרגאָסן ביטערע טרערן און געוואָרן פריצייטיק אַלט און מיאוס.

יעקב'ס שכירות ביי לבנ'ען זיינען געווען די שאָף מיט אַ באַזונדער פאַרביקן קאָליר. האָט יעקב זיך באַנוצט מיט געפלעקלטע און געפּינטלטע שטעקעלעך וואָס ער האָט פאַרשטעקט אין די קאָרעטעס, און ווי רש"י דערקלערט, האָבן די שאָף פאַרקוקנדיק זיך בעת'ן טרינקען אויף די שטעקעלעך זיך ליידנשאַפטלעך צעהיצט און געבאָרן שעפעלעך מיט די זעלבע פלעקן און פינטעלעך.

און יעקב האָט געשיקט און גערופן רחל און לאה'ן (בראשית ל"א,ד).

אַז לבן האָט אָנגעהויבן זיך מתקנא צו זיין אָן יעקבן און אים אָנגע־הויבן דערגיין די יאָרן, האָט יעקב דערהערט די שטים פון גאָט באַפעלנדיק איבּ זיך אומצוקערן צוריק אהיים. דער באַפעל איז געקומען פון גאָט, און דאָך האָט יעקב געשיקט נאָך זיינע ווייבער צו קריגן זייער דערלויבעניש. אין יענער צייט איז דער מאַן געווען דעם אבסאָלוטער הערשער, דאָך האָבן אונזערע פּאַטריאַרכן געהאַט אַ מין יראת שמים'דיקע באַציאונג צו זייערע פרייען און ניט געטאָן די מינדסטע זאַך אָן זייער ווילן און וויסן.

איידער יעקב איז אַוועק פון לבנ'ס הויז, האָט רחל צוגענומען דעם טאַטענ'ס געטשקעס און קיינעם ניט געזאָגט אַ וואָרט. רש"י זאָגט, אַז רחל האָט עס געטאָן מחמת זי האָט געוואָלט אָפּגעוואוינען איר טאַטן פון דינען עבודה זרה. רחל האָט זיך געטראַכט, אַז ווען איר פאָטער וועט אויסגעפינען אַז מ'קאָן אַוועק'גנבענען די געטער זיינע און ניט ווערן באַ־שטראָפט, וועט ער אויפהערן גלויבן אין זיי.

די אגדה איז אָבער מער אָפּנהאַרציק און דערציילט, אַז רחל האָט אַליין אין אירע יונגע יאָרן שטאַרק געגלויבט אין די הילצערנע געטשקעס. אפילו ווען יעקב איז שוין געווען ביי זיי אין הויז און מיט איר אָפט גערעדט וועגן דער אמתער געטלעכקייט, האָט זי זיך אַלץ צומאָל פאַרווענדט צו די געטשקעס. יעדעס מאָל וואָס זי האָט דערפילט אַ ליבע־ציטערניש אונטערן האַרצן, פלעגט זי זיך איינשליסן שעה'ן נאָכאַנאַנט מיט אירע געטשקעס און טיילן מיט זיי אירע מיידעלשע געפילן. יעקב האָט אין משך פון די יאָרן טאָקע באַוויזן איר צו דערווייטערן פון די געטשקעס און אין איר צו פאַרפלאַנצן דעם גלויבן אין גאָט פון זיינע עלטערן, אָבער ווען זי האָט באַדאַרפט אויף תמיד פאַרלאָזן איר היים, האָט זי ווידעראַמאָל דערפילט אַ בענקשאַפט צו די געטער פון אירע קינדער יאָרן, און האָט זיי דאַריבער מיטגענומען מיט זיך ווי אַן אנדענק פון די מיידעלשע יאָרן.

ווען רחל האָט דערהערט יעקב'ן זאָגן צו לבנ'ען, אַז ווער ס'האָט גע'גנבעט די בילדער דער זאָל שטאַרבן, האָט זי צו זיך געזאָגט: ווי פאַרליבט און איינגעגלויבט מיין מאַן איז אין מיר!

מיט אַ רואיקן געמיט האָט רחל דאַמאָלט באַגראָבן די געטשקעס אין טיפן גראָז הינטער אַ באַרג, און אַ צופרידענע מיטגעפאָרן מיט איר מאַן צו זיינע עלטערן.

צוואַנציק יאָר האָט געדויערט פון דער צייט וואָס יעקב האָט זיך געלייגט שלאָפן אויפן שטיין ביז דעם מאָמענט ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע עלטערן מיט אַ גרויס הויזגעזינד און פאַרמעגן, און אָט מיט דעם דאָזיקן צוריקקער זיינעם הויבט זיך פּאַקטיש אָן אונזער דריי טויזנט יאָריקע געשיכטע. דער לעבן פון יעקב׳ס משפּחה איז דער סימבאָל פון אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיטן אידישן פאָלק, דער עיקר: דער גיין אין דער פרעמד ווי אַ וואַנדערער מיט אַ הוילן שטעקן אין האַנט, און דער באַשטימטער צוועק פון אומקערן זיך צוריק אַהיים אין דעם אייגענעם לאַנד. יעקב איז געווען אין גאַנצן אַן אונזעריקער, און פון זיינע קינדער זיינען ניט אַרויסגעקומען קיין צווייערליי פעלקער. פון אברהם׳ען זיינען אַרויסגעקומען ישמעאל און יצחק; פון יצחק׳ן—יעקב און עשיו, אָבער פון יעקב׳ן זיינען אַרויסגעקומען קיין אַנדערע אַחוץ די אידישע שבטים.

אט דאס דאזיקע איז אודאי דער זין פון דער גמרא (תענית ה׳): יעקב אבינו לא מת—אונזער פאָטער יעקב איז ניט געשטאָרבן; זיין לעבן האָט זיך אויפגעלייזט אין דער אידישער געשיכטע און אין דער אידישער נצחיות.

וישלח

און יעקב האט געשיקט מלאכים אין פאראויס צו עשיו'ן, זיין ברודער. (בראשית ל"ב, ד').

דערגרייכנדיק א שלום אפמאך מיט לבנ'ען, האט יעקב באשלאסן אויך צו מאכן שלום מיט זיין ברודער. יעקב האט געשיקט צו אים שלוחים, און זיי באפוילן אזוי זאגן: עם לבן גרתי — איך, דיין קנעכט יעקב, האב ביז איצטער געוואוינט מיט לבנ'ען, און איך האב אקסן, אייזלען, שאף, קנעכט און דינסטן.

רש"י זאגט: מלאכים ממש. יעקב האט געשיקט צו עשיו'ן מלאכים פון הימל. אויף דעם האט דער איד הקדוש געזאגט: כדי צו ראטעווען א אידן פון עשיו'ס הענט, מעג מען מטריח זיין אפילו א מלאך.

דער רבי ר' בונם האט געזאגט: עשיו איז גארניט געווען אזא גראַבער מגושם'דיקער נפש ווי מ'מיינט. פארקערט: לעתיד לבא וועט גאר עשו זיצן בראש כולם אוןווארטן דער רבונו של עולם זאל אים אליין בכבודו ובעצמו אננעמען ביים קאלנער און ארויסווארפן. און אויב לעתיד לבא, אין א וועלט פון כלו אמת, וועט עשיו'ן געלונגען צו פארבארגן זיין רשעות און ווערן א מנהיג, ווי ביטער איז אונז אידן שוין איצטער אין א וועלט פון כלו שקר!

צום רבין ר' ברוך'ל פון מעדזשיבוזש זיינען אמאל געקומען עטלעכע עלטערע חסידים און גאוה'דיק זיך בארימט אז זיי זיינען גאר וואזשנע חסידים, ווייל זיי זיינען נאך געפארן צום אלטן רבי'ן, זכרונו לברכה. ר' ברוך'ל האט באמערקט זייער גרויסהאלטן זיך, האט ער זיך אפגעזאגט זיי אויפצונעמען. ווען מ'האט אים געפרעגט די סיבה, האט ער אזוי געענטפערט:

ס'שטייט: וישלח יעקב מלאכים, איז דאך אין פלוג א קשיה הלמאי האט יעקב געשיקט מלאכים און ניט קיין מענשן?

איז דער תירוץ: — יעקב האט צו די מלאכים אזוי געזאגט: צו מיין זיידן, אברהם, זענט איר מלאכים געקומען און געגעסן ווי פשוטע מענשן,

און ביי מיר ווילט איר פיגורירן ווי הימלישע מלאכים?! אויב איהר זענט אזעלכע בעל גאוה'ניקעס, טא גייט איך צו עשיו'ן!

עם לבן גרתי — מיט לבנ'ען האב איך געוואוינט. טייטשט רש"י: לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר. יעקב האט געלאזט וויסן זיין ברודער, אז ער איז אין די צוואנציק יאר ניט געווארן קיין פירשט אדער חשוב'ער בירגער, נאר געבליבען א גר און פרעמדער.

די וועלט זאגט: די ווערטער „שר והשוב" זיינען די ראשי תיבות פון שמש, רב, וחזן, שוחט ובודק, און באווייזט אז אין יענע אלטע צייטן זיינען די דאזיקע כלי קודש נאך געווען חשוב'ע מענשן . . . .

רש"י זאגט אויך, אז יעקב האט מתכון געווען צו לאזן וויסן עשיו'ן, אז ער איז ניט רייך געווארן צוליב'ן טאטנ'ס ברכות, איבער וועלכע עשיו איז אזוי שטארק אין כעס, נאר אויף א פראסט פשוט'ן אופן — דורך צוואנציק יאר שווערע ארבעט און פלאגעניש ביי לבנ'ען.

דער מדרש זאגט: ווען יעקב'ס שלוחים זיינען געקומען צו עשיו'ן און אים געזאגט אז יעקב וויל זיך איבערבעטן, האט עשיו באפוילן מיט כעס און חוצפה אז ערשט איצט וועט ער זיך אויף אן אמת נוקם זיין, ווייל ערשט איצטער ווייסט ער אז ניט נאר האט יעקב אים אליין באשווינדלט, נאר אפילו באשווינדלט דעם פעטער לבן און אנטלאפן מיט זיינע טעכטער און פארמעגן.

און יעקב האט שטארק מורא געהאט און ס'האט אים באנג געטאן (בראשית ל"ב, ח')

רש"י טייטשט: ער האט מורא געהאט ער וועט אליין געהרגעט ווערן און ס'האט אים באנג געטאן וואס טאמער וועט עשיו הרגענען ווּעמען פון זיין מחנה.

די וועלט פרעגט אפילו: הלמאי האט יעקב אזוי שטארק מורא געקראגן? הלמאי האט ער ניט אנגעווענדט דעם זעלבן מיטל וואס זיינע צוויי זין, שמעון און לוי, האבן שפעטער אנגעווענדט לגבי די מענשן פון שכם? (שמעון און לוי האבן געהייסן די מענשן פון שכם זיך מל זיין, און אויפן דריטן טאג ווען זיי זיינען אלע געווען קראנק, האט מען דורכגעפירט דעם נקמה־אקט פארן שענדן זייער שוועסטער דינה און זיי אלעמען אויסגעהרגעט).

דער באוואוסטער געלערנטער ר' יצחק בער לעווינזאן (ריב"ל) האט אויף דער קשיה אנגעגעבן צוויי תירוצים: ערשטנס, איז יעקב'ן טאקע איינ־

געפאלן דער דאזיקער געדאנק, נאר ער האט זיך דערמאנט אז נאכאלעמען איז עשיו ניט אזא גויעשער קאפ ווי שכם; ער האט דאך פארט געהאט יצחק'ן פאר א טאטן. צווייטנס, האט יעקב געוואוסט, אז עשיו האט א טבע דעם אנדערן צו שניידן ס'פלייש . . .

יעקב האט אין זיין גרויסער מורא מתפלל געווען צו גאט, און ווי די אגדה דערציילט, האט גאט אראפגעשיקט א מחנה פון פיר הונדערט טויזנט מלאכים רייטנדיק אויף פערד און אנגעטאן אין שטאלענע פאנצערס אנטקייגן צו גיין עשיו'ן. אז עשיו האט דערזען די גרויסע ארמיי, האט ער א דערציטערטער א פרעג געטאן:

—וועמענס ארמיי איז עס?

—יעקב'ס—האבן די מלאכים געענטפערט.

האט עשיו זיך אנגעהויבן בעטן:

שוין צוואנציק יאר אז איך האב מיין ליבן ברודער ניט געזען, און איצט ווילט איר גאר מיט מיר מלחמה האלטן!

—היט זיך, עשיו, אונז ועסטו ניט נארן!—האבן די מלאכים אים געווארנט—זאלסט זיך ניט דערוועגן זאגן יעקב'ן אפילו א שלעכט ווארט, ווארן טאמער וועסטו אים ווי טאן אפילו אויף א האר וועלן מיר פון דיר קיין שריד ופליט ניט איבערלאזן.

אז עשיו האט דערהערט אזעלכע שטרענגע דיבורים, איז ער אויף גיך יעקב'ן אנטקייגן געלאפן, אים געפאלן אויפן האלז און אים געקושט.

און עשיו האט זיך נאך אינם זעלבן טאג צוריקגעקערט צו זיין וועג (בראשית ל"ג, ט"ז).

דער ברכת יצחק זאגט: די תורה באווייזט דא דעם אמת'ן כאראק־טער פון א רשע. הגם עשיו האט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען די נסים וואס גאט האט געטאן צו יעקב'ן, האט ער זיך אליץ ניט געענדערט צום גוטן, נאר זיך צוריקגעקערט צו זיין פריערדיקן שלעכטן וועג.

דער מדרש זאגט: ווען די גאולה וועט קומען וועט עשיו זאגן צו יעקב'ן: איך וויל גיין מיט דיר אין גן עדן אריין, און אויב איך קאן מיט דיר ניט מיטגיין טא קום זשע דו מיט מיר אין גהינום. וועט אים יעקב ענטפערן: איך האב דיך געליבט ווי אן אייגענעם ברודער, אבער דו האסט מיך פיינט געהאט, טא פארוואס קומט מיר צו טיילן דיין גורל?

עשיו׳ס טענה איז, אז צוליב זיין, עשיו׳ס שלעכטסקייט, רדיפות און הריגות, האט דער איד זיך דערנענטערט צו גאט און געגאנגען אין די אידעאלע דרכים און דערפאר דארף ער, עשיו, באלוינט ווערן מיט גן עדן. דארויף ענטפערט אים יעקב: דיר וואלט טאקע געקומען גן עדן ווען דו וואלסט עס געטאן אוים ליבשאפט. דער אמת איז דאך אבער אז דו האסט עס געטאן מחמת שנאה, קומט דיר דערפאר גהינום.

דערציילט די וועלט אן ענלעך מעשה׳לע: עשיו איז אמאל געקומען צו זיין ברודער און אים געפונען זיצן על התורה ועל העבודה אלס רב אין א גרויסער אידישער קהלה. מאנט עשיו א העלפט פון דער רבנישער שכירות מחמת ער, עשיו, האט דורך זיין שלעכטסקייט מיטגעווירקט אז אידן זאלן האבן א פיינע באציאונג צו תלמידי חכמים. האט יעקב איינגעזען די גערעכטע טענה, און עשיו׳ן געצאלט א העלפט פון די שכירות.

מאכט זיך אבער אז יעקב עמיגרירט קיין אמעריקע, ווערט דא א רב און הערט אויף צאלן עשיו׳ן. קומט עשיו ווידעראמאל מיט זיין אלטער טענה הלמאי דער רב האט אויפגעהערט אים צאלן א העלפט פון די שכירות. ענטפערט אים יעקב: מילא אין דער אלטער היים וואו ס׳איז נויטיק געווען א רב זאל זיין אן ערלעכער איד און קענען א סך לערנען, האב איך דיר געגעבן העלפט פון די שכירות, אבער דא אין אמעריקע וואו אפילו אן עשיו, א גוי גמור, קאן אויך זיין א כלי קודש, טא פארוואס דיר געבן העלפט פון די שכירות? קענסט דען ניט אליין ווערן א רב?

בעת יעקב האט באדארפט גיין באגעגענען עשיו׳ן, האט ער צעטיילט זיין מחנה אין דריי טיילן, און אויך מיטגענומען „מן הבא בידו מנחה לעשיו”, פון וואס ס׳איז אים געקומען אונטערן האנט צו געבן עשיו׳ן א מתנה.

ר׳ מענדעלע קאצקער האט דארויף געזאגט: ווען א מענש נעמט אליז וואס ס׳קומט אים אונטער׳ן האנט, טראכט ניט און איז זיך ניט פריער גוט מיישב צי ס׳איז גוט אדער ניט, איז דער סוף אז ס׳איז א מנחה לעשיו, א מתנה דעם טייוול.

דער דובנער מגיד איז אמאל געקומען פארנאכט אין א קרעטשמע און געטראפן פונקט געגוג אידן צו דאווענען מנחה בציבור. האט זיך אבער צווישן זיי געפונען איינער אן „אויפגעקלערטער”, און ארויסגעלאפן פון קרעטשע כדי אים ניט מצרף צו זיין צום מנין.

רופט זיך צו אים אַפּ דער דובנער מגיד: ערשט איצטער איז מיר פאַרענטפערט אַ שווערע קשיה אין דער תורה. ס'שטייט: יעקב האָט גענומען צוויי הונדערט ציגן און צוואַנציק בעק, און צוויי הונדערט שאָף פון וואָס ס'איז אים געקומען אונטערן האַנט און אָוועקגעפירט אַ מנחה (אַ מתנה) צו עשיו'ן. דעריבּיי רעכנט די תורה אויס בפּרטיות אַז ער האָט גענומען צוויי הונדערט ציגן און צוויי הונדערט שאָף, צוואַנציק באַראַנעס, פערציק קי, צען אָקסן און צען אייזלען. איז דאָך די קשיה: פאַר־וואָס האָט יעקב ניט גענומען אַ הונט, אַ כלב שבכלבים, פאַר אַ מנחה? איז דער תירוץ: יעקב האָב געוואוסט, אַז אַ הונט וועט פון אַ מנחה אַנטלויפן.

און יעקב איז פאַרבליבן אַליין איבער נאַכט, און אַ מענש האָט זיך מיט אים געראַנגעלט ביזן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן (בראשית ל"ב, כ"ה).

רש"י זאָגט: שנשתייר על פכים. יעקב איז פאַרבליבן אַליין נאַכדעם ווי זיינע דריי מחנות זיינען איבערגעפירט געוואָרן איבערן טייך יבק, דערפאַר ווייל ער האָט פאַרגעסן די קריגעלעך בוימאויל, דעם אידישן נר תמיד, וואָס ער האָט תמיד מיט זיך מיטגעפירט.

ויאבק איש עמו, און אַ מענש האָט זיך מיט אים געראַנגלט. צוליב דעם נר תמיד וואָס יעקב טראָגט מיט זיך, איז ער תמיד אין געראַנגל, תמיד אין דער פאַרטיידיגונג, עד עלות השחר—ביז ס'גייט אויף דער מאָרגנשטערן, ביז ס'פאַרשווינדט די פינסטערניש פון דער וועלט און ס'גייט אויף אַ ליכט פון פרייהייט און טאָלעראַנץ. די וועלט וויל קיינמאָל ניט לײַדן וואָס יעקב וואַנדערט און טראָגט אומעטום מיט זיך דעם אידישן נר תמיד, די קריגעלעך בוימאויל, און ויותר יעקב לבדו, בלייבט יעקב תמיד אַליין אין דער גרויסער וועלט און תמיד אין געראַנגל עד עלות השחר—ביז ס'גייט אויף אַ ליכטיקייט.

און די זון האָט שוין געהאַט אויפגעשיינט ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען פנואל, און ער האָט געהונקען אויף זיין דיך (בראשית ל"ב, ל"ב).

אָט אַזוי איז עס: הויבט נאָר ביי וועמען אָן צו שיינען די זון, ווערט רייך און געבענשט, הויבט ער אָן אונטערהונקען אויף אַ פוס און וויל מער ניט קומען אין באַרירונג מיט אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די דערציילונג וועגן דעם געראַנגל מיט דעם מלאך האָט געמאַטערט די מחות פון אַ סך פון אונזערע מפרשים, און קיינער פון זיי כמעט האָט ניט באַוויזן אַרויסצוברענגען גענוג קלאָרקייט. דער אמת איז אַז מ׳דאַרף קיין קלאָרקייט גאָרניט זוכן, ווייל דוקא אין דער אגדה, דוקא אין די פולע מדרשים, ליגט אַן אוצר פון פיינעם סימבאַליזם.

דער מדרש זאָגט, אַז דער מלאך וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט יעקב׳ן איז געווען דער שר של עשיו. אויב עשיו קאָן אַליין ניט דורכפירן זיינע רציחה־אַקטן קעגן יעקב׳ן, טוט עס פאַר אים זיין שר, זיין האר און פירער, זיין מלאך און אָפּגאָט. דער שר של עשיו איז, וועדליק דעם מדרש, באמת געקומען ווי טאָן יעקב׳ן, אָבער יעקב האָט זיך מיט אים געראַנגלט און אים ביינעקומען. האָבנדיק בטחון איז גאָט אַז אים וועט קיין שלעכטס ניט געשען, האָט ער דעם שר של עשיו גובר געווען און אים ניט געלאָזן אוועקגיין סיידן ער זאָל אים בענשן. און אָט דער דאָזיקער מלאך, דער שר של עשיו, וואָס זוכט תמיד צו טוידטן און פאַרניכטן דעם אידן האָט פאַקטיש געגעבן דעם אידן זיין פּאַסיקן נאָמען. ישראל איז דער נאָמען, ישראל, וואָס מיינט מוט און גלויבן, ענערגיע און בטחון, צו באַהערשן אַפילו אַ מלאך פון גאָט, אַפילו דעם שר של עשיו. יעקב איז געשלאָגן געוואָרן אין דעם לעפעל פון זיין דיך, געוואָרן אויף אַ ווייל הינקנדיק, אָבער פאַרניכטעט איז ער ניט געוואָרן.

יעקב איז דער סימבאָל פון יעדן אידישן יחיד, וואָס מוז זיך כסדר ראַנגלען מיטן שר של עשיו, כסדר זיין באַהערשט פון מורא און שרעק, כסדר זיין אין דערוואַרטונג פון פינסטערע טעג און יאָרן. אין דער שוואַר־צער נאַכט ווען יעקב איז געבליבן נעבעכיקן אַליין אין מיטן וועג האָבנדיק אויסגעשטעלט זיין פאַמיליע און פאַרמעגן אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן פון עשיו הרשע, איז ער געוואָרן איבערגעוועלטיקט פון שוואַרצע שרעקן: ער האָט מורא געהאַט און ס׳האָט אים באַנג געטאָן. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך, פאַרן אייגענעם לעבן, און ס׳האָט אים באַנג געטאָן און פאַרדראָסן וואָס אַנדערע, די אומשולדיקע פרויען און קינדער, וועלן ליידן.

אָט מיט דעם קאַמף און נצחון פון יעקב איבער עשיו׳ן, הויבט זיך אָן די געשיכטע פון ישראל. פריער איז יעקב געווען בלויז אַ משפּחה וואָס האָט געהאַט איר באַזונדערע טראַדיציע און גלויבן. נאָכן קאַמף אָבער ווערט אָט די קליינע יעקב־משפּחה שוין דאָס פאָלק ישראל. גאָט

רעדט דאַמאָלט צו יעקב'ן, זאָגט אים אַז ער וועט מער ניט גערופן ווערן יעקב נאָר ישראל. יעקב האָט ער געהייסן ווייל ער האָט זיך ביים געבורט אַנגעהאַלטן אָן די טריט פון עשיו'ן, זיך מיט אים געראַנגלט, געוואָלט גייז אין פאַראויס, אָבער ניט געקענט. דער נצחון איבער עשיו'ן איז נאָך ניט געווען. זיין נאָמען איז אָבער שפּעטער געענדערט געוואָרן אויף ישראל, ווייל איצטער קאָן ער זיך שוין ראַנגלען און אויך דעם שונא בייקומען.

נעם, כ'בעט דיך, מיין מתנה וואָס כ'האָט דיר געבראַכט (בראשית ל"ג, י"א).

יעקב האָט זיך געבעטן ביי עשיו'ן ער זאָל אָננעמען די רייכע מתנה, און עשיו האָט די מתנה אָנגענומען און זיך איבערגעבעטן. ס'איז גוט צו זיין רייך, ווארן דאַמאָלט האָט אַפילו אַ ברודער אַ סך מער דרך ארץ און ווילינקייט צו פאַרגעסן טענות און עוולות.

יעקב'ן איז ניט באַשערט געווען האָבן אַ רואיקן טאָג, און אָנקומנדיק קיין שכם איז זיין טאָכטער דינה געפאַנגען געוואָרן. אירע צוויי ברידער, שמעון און לוי, האָבן קעגן דעם ווילן פון זייער פאָטער גענומען נקמה פון די איינוואוינער פון שכם. דער ספר הישר זאָגט, אַז יעקב'ס קינדער האָבן ניט מתכון געווען צו טוידטן די בני שכם. זיי האָבן ערנסט געוואָלט מאַכן זיי פאַר אידן און זיך מיט זיי מתחתן זיין, נאָר זיי האָבן זיך דער־וואוסט אַז די בני שכם האָבן חרטה און גרייטן זיך צו טוידטן יעקב'ן און זיין הויזגעזינד.

רבקה'ס טוידט ווערט אין דער סדרה ניט דערמאָנט, און די חז"ל דערקלערן עס דערמיט וואָס איר לויה איז ניט געווען ווערדיק איר פאַר־דינטן כבוד. קיינער אַ חוץ עשיו איז ניט געווען צו באַגלייטן די צדקנית צו איר אייביקער רו. אברהם איז געווען טוידט, יצחק איז געווען אַלט און בלינד און יעקב איז געווען אין פדן ארם. עשיו איז געווען אין שמור וואָס איז נאָענט פון דער היים, אָבער איידער עשיו הרשע זאָל זיין דער איינציקער באַגלייטער האָבן די שכנים בעסער געמאַכט די לויה ביינאַכט קיינער זאָל ניט זען און ניט וויסן.

אין דער אידישער געשיכטע איז עשיו תמיד פאַרבליבן דער סימבאָל פון אַלדאָס בייז, און יעדעס פאָלק וואָס האָט אַמאָל געפּלאָגט דעם אידן איז אין דער טראַדיציע באַטיטלט געוואָרן מיטן נאָמן עשיו. עשיו איז אדום, און מלכות אדום איז רוים. עשיו און ישמעאל זיינען די פאַר־

אורזאכער פון די אידישע לידן און זייער מארטירער־געשיכטע. היינריך היינע האָט אין זיין פּאָעמע „צו אדום" אויסגעדריקט די באציאונג פון עשיו'ן צום אידן:

שוין איין טויזנט יאָר און לענגער
דולדן מיר זיך ברידערליך:
דו דולדעלט אַז איך אָטעם,
און אַז דו שטורעמסט, דולדע איך.

נאָר אָפטמאָל אין שוואַרצע טעג
ווען דו האָסט געהאַט נאָר מוט,
האָסטו דיינע פרומע לאַפּעס
געפארבט אין אידיש בלוט.

וישב

און יעקב האָט זיך באזעצט אין דעם וואוינונגס-לאנד פון זיין פאָטער (בראשית ל״ז, א׳).

רש״י זאגט: בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף — יעקב האָט געוואלט וואוינען אין פרידן, זיך בארואיקן און מקבל זיין אלץ באהבה, האָט אים אנגעיאגט דער צאָרן איבער יוסף׳ן. גאָט זאָגט צו די צדיקים: לא דיין מה שמתוקן להם בעולם הבא אלא שמבקשים לישב בשלוה בעולם הזה — ניט גענוג וואס די צדיקים האָבן פאר זיך צוגעגרייט אויף יענער וועלט, ווילן זיי נאָך זיצן אין פרידן אויף דער דאזיקער וועלט?!

דאָס איז די געשיכטע פון יעקב׳ן: יוסף, זייענדיק זיבעצן יאָר אלט, איז געווען א פאסטוך מיט זיינע ברידער ביי די שאָף; און ער איז געווען א אינגל אקעגן די זין פון בלהה און אקעגן די זין פון זלפה, די ווייבער פון זיין פאָטער: און יוסף האָט געבראכט בייזע רייד צו זייער פאָטער (בראשית ל״ז, ב׳).

יוסף איז דאמאלט אלט געווען זיבעצן יאר, און געהאָלפן זיינע ברידער פיטערן דעם פאטער׳ס שאָף. ער האָט זיך אבער אויפגעפירט, ווי רש״י דערקלערט, ווי א אינגל, זיך כסדר געפוצט און געקאמט, און דערציילט דעם טאטען יעדע קלייניגקייט וועגן זיינע ברידער. אזוי האָט ער אפדערציילט, אז די קינדער פון לאה עסן אבר מן החי, שניידן אפ א שטיק פלייש פון א לעבעדיקער בהמה און עסן; אז זיי פארשעמען די קינדער פון די דינסטמיידלעך, פון די צוויי ווייבער בלהה און זלפה, און אז זיי זיינען מזנה מיט פרעמדע טעכטער.

יעקב האָט געמאכט יוסף׳ן א זיידן העמדעל, ווייל ער איז געווען זיין בן זקונים, דער מוזיניק, און דאָס קינד פון זיין באליבטער רחל. די וועלט פרעגט דארויף: פארוואָס האָט יעקב אנגעטאָן יוסף׳ן א זיידן העמדעל און דאדורך גורם געווען די קנאה און שנאה צווישן זיינע קינדער?

ענטפערט די וועלט: די גמרא זאגט אין מסכת שבת: מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצוינים מפני שאינם בני תורה—פארוואס זיינען די תלמידי חכמים פון בבל תמיד אויסגעפוצטע? ווייל זיי זיינען ניט־קיין בני תורה. דערפאר וואס זיי קענען ניט לערנען. פוצען זיי זיך אויס אין א שטריימל אדער „סטאוו־פייפ", און מ'ציט אויף זיך ארויף דעם אויסזען פון רבנים און לומדים. יעקב האט יוסף'ן געגעבן א גוטע דערציאונג. מיט אים געלערנט א סך תורה און חכמה, האט ער מורא געהאט אז די איבריקע קינדער וועלען אים מקנא זיין און פיינט קריגן, האט ער יוסף'ן אנגעטאן דעם כתונת פסים, די זיידענע יופעצע, אים אויסגעפוצט ווי אן אמעריקאנער ראביי, כדי זיי זאָלען וויסן אז באמת קאן ער גאר ניט לערנען און איז ניט קיין תלמיד חכם.

און די ברידער האָבן אים פיינט געקראָגן און מער ניט געקענט ריידן צו איהם פרידלעך (בראשית ל"ז, ד').

אט דערפון זעט מען וואס פאר א פיינע מענשן יוסף'ס ברידער זיינען געווען. אנדערע, אז זיי האבן אימיצן פיינט, ווייזן זיי די שנאה ניט ארויס, טראגן איר באהאלטען אין הארצן און מיטן מויל ריידן זיי כלומרשט ליבלעך און פיין. יוסף'ס ברידער זיינען אבער אזוי ניט געווען. האבן זיי ווען פיינט געהאט, איז „ולא יכלו דברו לשלום", האבען זיי מער פרידלעך צו אים ניט געקענט ריידן.

די שנאה האט זיך פארגרעסערט ווען יוסף האט זיי דערציילט דעם חלום מיט בינטלעך תבואה וואס ער און די ברידער האבן צונויפגעבונדן און אלע בינטלעך האבן זיך ארומגעשטעלט ארום זיין אייגענעם בינטל און זיך דערצו געבוקט. נאך א חלום האט ער זיי דערציילט, ווי די זון מיט דער לבנה און עלף שטערן האבן זיך צו אים געבוקט, און די ברידער האבען די דאזיקע חלומות אויסגעטייטשט, אז יוסף טראכט פון ווערן איבער זיי א הערשער, ווייל וואס מ'טראכט בייטאג חלום'ט מען ביינאכט.

יעקב האט זיך אפילו שטארק אנגעבייזערט אויף יוסף'ן: מה החלום הזה אשר חלמת הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחוות לך ארצה -- „וואס איז דאס פאר א חלום וואס דו האסט גע'חלום'ט? וועל איך דען און דיין מוטער און דיינע ברידער קומען זיך בוקן צו דיר?" יעקב האט יוסף'ן און די איבריקע זין געפרובירט באווייזן די נארישקייט פון די חלומות, ווארן ווי אזוי קאן די מוטער זיינע זיך קומען בוקן, אז זי איז שוין לאנג טויטע?

און די ברידער האָבן אים מקנא געווען, אָבער זיין פאָטער האָט געוואָרט אויף דער זאך. (בראשית ל״ז, י״א).

און זיין פאָטער האָט געוואָרט אויף דער זאך. (בראשית ל״ז, י״א.)

יעקב האָט כלומרשט געפּרובירט באַרואיקן די זין און זיי באַווייזן די נארישקייט פון די חלומות, אבער ביי זיך אין הארצן האָט ער דוקא יאָ גע־גלויבט אין זייער פאַרווירקליכונג, און טאַקע געוואָרט אז ס׳זאָל שוין מקוים ווערן.

דער נפלאות חדשות פרעגט: ווי קומט עס וואס יעקב און יוסף זאָלן וועלן די חלומות זאָלן מקויים ווערן, דער דרך פון צדיקים איז דאָך גאָר צו אנטלויפן פון הערשאפט?! ענטפערט ער: ביידע האָבען איינגעזען אז די איבריקע זין פירן זיך ניט אויף ווי געהעריק, האָבען זיי געוואָלט ס׳זאָל זיין א מנהיג זיי ארויפצופירן אויפ׳ן גלייכן וועג.

האָט ישראל געזאָגט צו יוסף׳ן: דיינע ברידער פיטערן דאָך אין שכם; קום און איך וועל דיך שיקן צו זיי. האָט ער צו אים געזאָגט: אָט בין איך (בראשית ל״ז, י״ג).

האָט ער געזאָגט: גיי און זע דעם שלום פון דיינע ברידער און דעם שלום פון די שאָף און ברענג מיר אן ענטפער (בראשית ל״ז, י״ד).

יעקב׳ס כונה איז ניט געווען צו שיקן יוסף צו זען וואס די ברידער טוען אויפן פעלד, נאר אים צו געבען א ווארנונג אויפצוהערן זען ביי זיי בלויז שלעכטס און אנהויבן זוכן ביי זיי די גוטע מידות, די מעלות און זייערע גו־טע מעשים. דער זוכן תמיד ביים אנדערן דאס שלעכטע, ברענגט קנאה און שנאה און דער זוכן גוטעס — ברענגט שלום און פרייד.

אז יוסף איז געקומען אין שכם זוכן זיינע ברידער, האָט אים אנגעטראָ־פען א מאַן, און ווי רש״י זאָגט, דער מלאך גבריאל, און געזען: והנה תעה בשדה, ווי ער, יוסף, בלאנדזשעט אין פעלד.

דער מלאך האָט געוואוסט, אז יוסף זוכט זיינע ברידער, האָט ער אים געזאָגט: ניין, יוסף, אויב דו זוכסט צו געפינען ברידערלעכקייט און פריינט־שאפט, מאכסטו א טעות, בלאנדזשעסט און פארשטייסט ניט, ווארן „נסעו מזה״, זיי האָבען אוועקגעצויגן פון דאנען. זיי ווילען דיך מער ניט קענען און זיינען ווייט פון ברידערשאפט. אומרים — זיי האָבען געזאָגט: נלכה דותנה — מיר וועלן גיין קיין דותן. דער מדרש תנחומא זאָגט דארויף: נלכה

דותנא לבקש לך נכלי דתות שימיתוך בהם — מיר וועלן גיין זוכן אויף דיר געזעצלעכע פארברעכנס דיך צו מעגן טוידטן.

אין יעדן מענשן געפינט זיך אן אינערלעכער באוואוסטזיין, א מוסר כליות, וואס דערלאזט ניט טאָן קיין שלעכטס. דער דאָזיקער באוואוסטזיין מאטערט און שטראפט, וועקט און מוטשעט, און דערפאר זוכט ער דאמאלט זיך אויס א תירוץ און בארעכטיגונג צו באגיין דאָס שלעכטע. ער וויקלט זיך אין בייזע טאט איין אין א זיידן מאנטעלע, אין א מין יראת הכבוד, אין א געזעצלעכער און רעליגיעזער בארעכטיגונג. אויך די ברידער פון יוסף׳ן האָבען אין זייער שנאה און באגער אים צו טוידטן, געזוכט געזעצלעכע מאטיוון און רעליגיעזע סאנקציע.

דער מדרש זאגט אויך: נסעו מזה, נסעו ממדותיו של מקום — זיי זיינען אוועק פון די געטלעכע מידות. זיי האָבן געזוכט צו פארמשפטן יוסף׳ן ניט צוליב די געגנווערטיקע זינד, נאר צוליב שפעטערדיקע, צוקונפטיקע פאַסירונגען, ניט ווי די געטלעכע מידה פון „באשר הוא שם", ווי די פאקטן זיינען איצטער, אינם מאמענט פונם משפט, נאר „על שם סופו" — וואס ס׳וועט שפעטער זיין.

און זיי האָבן אים דערזען פונדערווייטנס און נאָך איידער ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט האָבן זיי שוין פארטראכט אים צו טוידטן. (בראשית ל"ז, י"ח).

דער חתם סופר טייטשט: ויראו אתו מרחוק — ווי זיי האָבן אים נאָר דערזען, האָבן זיי אים שוין פאררעכנט „מרחוק", ווי ער וואלט געווען א פרעמדער, א ווייטער, גארניט איינער פון זיי, ובטרם יקרב אליהם ויתנכלו אתו להמיתו — און נאָך איידער ער האָט זיך צו זיי דערנענטערט, נאָך איידער ער האָט זיך געקענט פארענטפערן און בעטן אנטשולדיגונג, האָבן זיי דעם משפט אפגעענדיקט.

דער מדרש טייטשט: אז זיי האָבן אנגערייצט אויף אים די הינט, אבער די הינט האָבן אים ניט געטוידט. דאמאלט האָבן שמעון און לוי אן עצה געגעבן אים אריינווארפן אין א גרוב און נארן דעם אלטן טאטן אז א ווילדע חיה האָט אים פארצוקט. בלויז ראובן, דער עלטסטער פון די ברידער, האָט זיך פאר יוסף׳ן איינגעשטעלט, און זיך געבעטן:

—אל תשפכו דם, איר זאלט ניט פארגיסן קיין בלוט!

ראובן האָט בכיון אזוי געזאגט, כדי אים מציל צו זיין פון זייערע הענט און אומקערן צום פאָטער. זיי האָבן יוסף׳ן אריינגעוואָרפן אין א גרוב, און בינו לבינו איז פארבייגעגאנגען א קאראוואן און מ׳האָט יוסף׳ן, אויף דער עצה פון יהודה׳ן, פארקויפט פאר א קנעכט. אזוי איז יוסף געבראכט געווארן קיין מצרים פאר א שקלאף אין הויז פון פּוטיפר, דעם קעניג׳ס א הויכער באאמטער.

פירנדיק אים קיין מצרים — דערציילט די אגדה — איז יוסף׳ן אויסגעקומען פארבייציוגיין אפרת, וואו ס׳געפינט זיך זיין מאמע רחל׳ס קבר. איז יוסף ארויפגעפאלן אויפ׳ן קבר און אנגעהויבן קלאגן:

—מאמע, מאמע טייערע, שטיי אויף און זע ווי דיין זון ווערט געפירט אין קנעכטשאפט! שטיי אויף, מאַמע, און זע ווי דעם טאטנ׳ס הארץ ווייטאקט און זיין נשמה טרויערט! שטיי אויף, מאמע, און גיי אים טרייסטן!

האָט זיך פון קבר דערהערט רחל׳ס שטים:

יוסף, מיין זון! כ׳האָב געהערט דיין געוויין, און דיין מאמע׳ס הארץ איז פול מיט ווייטיק! איך וועל בעטן גאָט פאר דיר, און ער וועט דיך באַשיצן און פירן צום גוטן! האָב קיין מורא ניט, מיין קינד, גיי קיין מצרים, און דארטן וועט גאָט דיר באצאלן מיט פרייד פאר אלע דיינע יסורים!

און יוסף איז פון דארטן אוועק קיין מצרים פול מיט טרייסט און מוטיקייט.

און זיי האָבן גענומען יוסף׳ס העמדל, און האָבן געשאָכטן א ציגנבאָק און האָבן איינגעטונקט דאָס העמדל אין דעם בלוט (בראשית ל״ז, ל״ב).

און זיי האָבן אוועקגעשיקט דאָס זיידענע העמדל און געלאָזט ברענגען צו זייער פאָטער, און געלאָזט זאָגן: דאָס האָבן מיר געפונען; דערקען אויב דאָס איז דיין זונ׳ס העמדל אָדער ניט (בראשית ל״ז, ל״ג).

כדי אפצונארן דעם אלטן טאטן זייערן, האָבן די ברידער איינגעטונקען יוסף׳ס זיידן העמדל אין בלוט פון א ציגעלע און געבראכט צו יעקב׳ן, זאגנדיק אים: טרף טרף יוסף — יוסף איז פארצוקט געווארן פון א בייזער חיה. יעקב האָט ביטער געוויינט, און זיך ניט געוואלט טרייסטן. זיין ווייטיק

איז געווען גרויס, וואס ער האָט אפילו ניט געקענט פירן זיין קינד צו קבר ישראל. האָט ער איינמאָל — דערציילט די אגדה — צוגערופן זיינע זין און געזאגט:

—קינדער מיינע, נעמט אייערע כלי זיין און גייט אַרויס אין פעלד, אפשר וועט איר דארטן געפונען כאטש אן איינציקן אבר פון יוסף׳ן, וועל איך אים ברענגען צו קבר ישראל און זיך דערמיט טרייסטן אין מיין גרעסטן צער.

האָבן די זין געפרעגט:

—און אויב מיר קענען ניט געפינען עפּעס פון יוסף׳ס קערפּער?

—אויב איר וועט גארניט געפינען — האָט יעקב זיי געענטפערט — זאָלט איר כאפּן די ערשטע בייזע חיה וואס וועט אייך קומען אונטערן האנט, און זי ברענגען צו מיר.

זיינען די זין אוועק אין פעלד, און באגעגנט א וואלף. האָבן זיי אים געכאפּט א לעבעדיקן, און געבראכט צו יעקב׳ן. דערזעענדיק דעם וואלף, האָט יעקב א פארביטערטער אויסגעשריען:

—ווילדע חיה, פארוואס האָסטו פארצוקט מיין אומשולדיק קינד? ווי אזוי האָסטו ניט מורא געהאט פארן האר פון דער וועלט?

האָט דער וואָלף א קוק געטאָן אויף יעקב׳ן, און מיט הכנעה געענטפערט:

—איך שווער ביים נאָמען פון וועלט־באשאפער, אז איך האָב דיין זון ניט פארצוקט און אפילו אים ניט אנגעזען פאר די אויגן. נאך מערער, איך אליין לייד אויך פונם זעלבן צער וואס דו, אויך ביי מיר איז מיט צען יאר צוריק פארלארן געגאנגען מיין באליבסטער זון, און זינט דאמאלט וואנדער איך פון ארט צו ארט און זוך אים, ווייל אין מיין הארץ טליעט א פונק פון האפענונג אז איך וועל אים נאך אמאָל זען א לעבעדיקן.

אז יעקב האָט דערהערט די רייד פון וואלף, האָט ער זיך געטרייסט:

—ווער ווייסט — האָט יעקב געטראכט — צי מיין זון איז טאקע פאר־צוקט געווארן פון א בייזע חיה? ס׳קאָן דאך זיין אז ער איז בלויז געפאנגען און איך וועל איהם נאך זען אמאָל א לעבעדיקן און א באפרייטען!

יוסף׳ן איז די ערשטע יארן אין מצרים ניט געגאנגען איבריק שלעכט. זיין האר פּוטיפר, וועלכער איז געווען דער אויפזעער איבער די שלאכט־הייזער, האָט אים זעהר ליב געהאט פאר זיין געטרייקייט און ארנטלעכקייט און אים געמאכט פארן פארוואלטער איבער זיין גאנצן פארמעגן.

און גאָט איז געווען מיט יוסף׳ן, און ער איז געווען א באגליק־טער מענש· און ער איז געווען אין הויז פון זיין האר דעם מצרי (בראשית ל״ט, ב׳).

יוסף — דערציילט די אגדה — האָט געוואוסט אז צו זיין א דינער ביי אזא גרויסן מענשן איז א סכנה, און מ׳קאן פארן מינדעסטן טעות געטוידט ווערן אדער ארייגעווארפן ווערן אין תפיסה, נאר „ויהי ה׳ את יוסף ויהי איש מצליח — גאָט איז תמיד געווען מיט אים און האָט אין אלץ מצליח געווען״.

די מידה פון גאָט איז ניט ווי די מידה פון א מענשן. א מענש קומט צו זיינעם א פריינט בלויז ווען אים גייט גוט: אויב אבער חלילה אים גייט שלעכט און איז אין אן עת צרה, דערווייטערט מען זיך פון אים. גאָט איז אבער געקומען צו יוסף׳ן אפילו אין תפיסה, וואו ער איז געווען פאראכטעט און פארצווייפעלט.

דער לקוטי מרדכי זאגט: א מענש אז ער ווערט רייך, הערט ער אויף צו זיין פרום, אָבער יוסף איז געווען פרום און תמיד געזען גאָט פאר די אויגן סיי ווען ער איז געווען א קנעכט און סיי ווען ער איז שפּעטער געווארן א שני למלך.

און זיין האר האָט געזען, אז גאָט איז מיט אים אין אלץ וואָס ער טוט באגליקט גאָט אין זיין האנט (בראשית ל״ט, ג׳).

האָט יוסף געפונען חן אין זיינע אויגן און ער האָט אים באַ־דינט. און ער האָט אים באפוילן איבער זיין הויז, און אלץ וואָס ער האָט געהאט האָט ער איבערגעגעבן אין זיין האנט (בראשית ל״ט, ד׳).

די אגדה דערציילט: איינמאָל האָט פוטיפר באפוילן יוסף׳ן אים ברענ־גען א גלאז הייסע וואסער. ווען יוסף האָט דערפילט דעם באפעל, האָט פוטיפר אויף אים געשריען:

ווי קאן איך דען טרינקען הייסע וואסער? האָסטו דען ניט פארשטא־נען אז איך האָב געמיינט קאלטע וואסער?

האָט יוסף זיך ווידער דערשראָקען און געזאָגט:

—יא, מיין האר, כ׳האָב טאקע פארשטאנען און געבראכט קאלטע וואסער!

האָט פּוטיפר געטרונקען און דאס וואסער איז געווען קאַלט.
ס'האָט אויך געטראָפן, אז פּוטיפר האָט געהייסן זיך ברענגען זיסן ווײַן. האָט יוסף געבראכט זיסן ווײַן, און זײַן האר האָט זיך ווידער צושריען:
—ווייסטו ניט אז אין דער דאזיקער שעה טרינק איך תמיד זויערן ווײַן?

האָט יוסף זיך ווידער דערשראָקן און געזאָגט:
—יא, מיין האר, כ'האָב טאקע געבראכט זויערן ווײַן.
האָט פּוטיפר פארזוכט דעם ווײַן, און ער איז טאקע געווען זויער.
האט דאמאלט פּוטיפר פארשטאנען אז גאָט איז תמיד מיט זײַן קנעכט, און איהם דערפאר געמאכט פאר'ן פארוואלטער איבער'ן פארמעגען.
אז יוסף איז עולה לגדולה געווארן, האָט ער באקומען אין זיך א שמץ פון גאוה און זיך געטראכט:
—גוט טאקע וואס גאט האָט אזוי געפירט אז איך זאָל פארגעסן מיין פאטער'ס הויז און זיך דא צוזאמענלעבן מיט די מצריים.
האט גאט געזאגט:
— יוסף, דו ווילסט שוין פאַרגעסן דיין פאַטער'ס הויז? דיין אַלטער טאטע זיצט און טרויערט און קען דיך ניט פארגעסן, און דו לעבסט אין לוקסוס און האלטסט זיך גרויס קעגן די איבריקע קנעכט? — אויב אזוי זאָלסטו וויסן, אז דו וועסט דערפאר שטרענג באשטראפט ווערן.
האָט טאקע לאנג ניט געדויערט, און מ'האָט יוסף'ן ווידעראמאָל פאר־שפּארט אין תפיסה.

מקץ

און ס'איז געווען אין סוף פון צוויי יאָר האָט פרעה גע'חלום'ט ער שטייט ביים טייך (בראשית מ"א, א').

דער איד הקדוש האָט געזאָגט, אז דער דאָזיקער פסוק לערנט דעם אידן צו זיין אויף דער וואך און דערזען והנה עומד על היאור — אז ער שטייט ביי דער געטלעכער ליכטיגקייט.

ויהי מקץ שנתים — אז דער מענש ווערט אַלט און קומט שוין צום סוף פון זיינע יאָרן, ופרעה חולם — דערזעט ער ערשט, אז ס'איז געווען בלויז א חלום.

ר' מאיר'ל פרעמישליאנער האָט דעם פסוק אויסגעטייטשט מיט דעם דאָזיקן מעשה'לע:

א איד, א זקן, איז געקומען אויפן עולם העליון, האָט מען אים גע־פרעגט: ווי אַלט ביסטו?

—פינף און זיבעציק יאָר — האָט ער געענטפערט.

האָט מען נאכגעזוכט אין ספר הזכרונות און אים געזאָגט, אז ער מאכט א טעות; ער איז בלויז צוויי יאָר אַלט.

ניט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַן אַנדער נפטר, נאָך גאָר א יונגער־מאַן, האָט מען אים אויך געפרעגט: ווי אַלט ביסטו?

— אכצן יאר — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

האָט מען נאכגעקוקט אין ספר הזכרונות און אים געזאָגט, אז ס'איז אמת, ער האָט טאַקע געלעבט אַכצן יאָר.

האָט דער זקן דערהערט די רייד, און זיך שטאַרק צעבייזערט:

— אָט אזוי ווערט אויפן עולם האמת גע'חשבון'ט?! איך בין געווען דער סנדק אויף דעם יונגענמאַן'ס ברית, זאָגט מען אים אז ער איז אַכצן יאָר אַלט און מיר זאָגט מען, אז איך בין בלויז צוויי יאָר אַלט. ווי אזוי איז עס מעגלעך?

— שוטה! — האָט מען דעם זקן אָפּגעענטפערט — אויפן עולם האמת ווערן בלויז גערעכנט די טעג און יאָרן וואס מ׳פאַרברענגט פאַר גאָט און מענטשן. דו אָבער האָסט פאַרבראַכט דיינע יאָרן אין שטותים און אבסורדן, און בלויז אמאָל־אמאָל האָט דער געוויסן אין דיר דערוואַכט און האָסט געטאָן אַ גוטע טאַט. און אָט די דאָזיקע געוויסנהאַפטע מאָמענטן, ווען זיי ווערן צונויפגערעכנט באַטרעפן קוים צוויי יאָר. דער יונגערמאַן אָבער האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין תורה ועבודה, תמיד געלעבט מיט אַ חשבון, תמיד געזאָרגט פאַר אַנדערע, תמיד אָפּגעהיט די רגע׳ס און שעה׳ן זאָלן ניט אַוועק אין נאַרישקייטן און אין פוסטע רייד און מעשים, ניט פאַרטאַכליעוועט זיינע טעג און יאָרן, איז ער דעריבער אין הימלשן ספר פאַרשריבן אַז ער האָט געלעבט מיט אַ חשבון, אַז ער האָט געלעבט די פולע אַכציק יאָר.

און אָט דאָס דאָזיקע איז דער טייטש פון פסוק — האָט דער פרעמישליאַנער פאַרענדיקט — ויהי מקץ, ווען דער סוף פונם מענטשן דערגרייכט און ער קומט אויפן עולם העליון, איז שנתים ימים — איז זיין חשבון אין הימלישן ספר הזכרונות בלויז צוויי יאָר מענטשלעך לעבן, ופרעה חולם — און די איבעריקע יאָרן זיינע, די וואָס ער האָט פאַרבראַכט בלויז אין גשמיות, זיינען אַ קורצער חלום.

פרעה האָט געהאַט צוויי חלומות: אינם ערשטען האָט ער געזען ווי זיבן פעטע קי און זיבן מאָגערע זיינען אַרויס פון טייך נילוס, און די מאָגערע האָבן איינגעשלינגען די פעטע. אינם צווייטן האָט ער געזען פאַר זיך אויסוואַקסן זיבן פולע זאַנגען און זיבן ליידיקע. און די ליידיקע האָבן פאַרשלונגען די פולע.

און ס׳איז געווען אין דער פרי, איז זיין געמיט געווען צעדרודערט, און ער האָט געשיקט רופן גאָר די כשוף מאַכער פון מצרים און אַלע אירע חכמים, און פרעה האָט זיי דערציילט זיינע חלומות, אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט פותר זיין פאַר פרעה׳ן (בראשית מ״א, ח׳).

דער אהל יעקב דערקלערט עס מיט אַ כאַראַקטעריסטישן משל:

אַ מלך האָט געהאַט אַ בן יחיד אַ גרויסן שוטה, האָט ער אים אַוועקגעשיקט צו די גרעסטע חכמים אין לאַנד זיי זאָלן אים לערנען און אויסמענטשלען ער זאָל ראוי זיין לאחר מאה שנים צו פאַרנעמען דעם טראָן. יאָרן שפּעטער האָבן די חכמים צוריקגעבראַכט דעם פּרינץ צו זיין טאַטן דעם מלך און אים דערקלערט, אַז דער בן יחיד זיינער קאָן שוין אַלע חכמות פון דער

וועלט און אז זיי האָבן אים מעהר ניט וואס צו לערנען. דער מלך האָט גע־וואָלט וויסן צי זיין זון איז טאקע געוואָרן קלוגער, האָט ער גענומען א רינגל אין האנט און צומאכנדיק די האנט געפרעגט דעם זון:

—קאָנסטו מיר, מיין זון, זאגן וואס אזוינס איך האלט אין האנט?

דער בן יחיד האָט אנגענומען דעם טאטנ׳ס האנט, איר אויסגעמאָסטן וועדליק די וויסענשאפטלעכע כללים און געענטפערט:

—דו האלטס א קיילעכדיקע זאך וואָס איז אינדערמיט אויסגעהוילט.

—זאָג זשע מיר, מיין קינד, וואס אזוינס איז די דאזיקע קיילעכדיקע זאך וואס איז אינדערמיט אויסגעהוילט?

—די וויסנשאפט פון אלגעברא און געאמעטריע באווייזט בלויז די רונדקייט און אויסגעהוילטקייט פון דער זאך, אבער וואס אזוינס דאס איז קאָן איך ניט וויסן — ענטפערט דער בן יחיד.

—קינד מיינס, פרוביר אנווענדן דיין אייגענעם מענשלעכן פארשטאנד— בעט זיך ביי איהם דער פאטער.

—אָ, איך וויים — האָט דער בן מלך אויסגעשריען מיט פרייד — דו האלטסט אין האנט א מילשטיין.

דער מלך האָט איצטער איינגעזען, אז זיין זון איז פארבליבן דער זעל־בער אידיאט ווי געווען און איז בלויז אנגעשטאפט מיט א צאָהל כללים פון אלערליי וויסענשאפטן.

דער נמשל איז, אז די כשוף מאכער פון מצרים האָבן טאקע שטו־דירט און געהאט געוויסע כללים ווי אזוי צו באשיידן א חלום, אבער קיין אייגענעם מענשלעכן שכל האָבען זיי ניט געהאט. יוסף האָט די כללים ניט געוואוסט, אבער ער האָט געהאט שכל און חכמה.

דערציילט טאקע די אגדה, אז איינער פון די מצרישע חכמים האָט געזאגט דאס די זיבן קי באווייזן אז זיבן טעכטער וועלן אים געבוירן ווערן, און אנדערע זיבן טעכטער וועלן אים שטארבען יונגערהייט; די זיבן זאנגען באווייזן אויף זיבען לענדער וואס פרעה וועט איינעהמען, און אנדערע זיבן לענדער וועלן קעגן אים רעוואלטירן און זיך אפרייסן.

די אנדרע חכמים האָבן געגעבן ענלעכע באשיידונגען, וואס האָבן ניט געהאט קיין זין און געדאנק. פרעה האָט די חכמים פון זיך פארטריבן, און אויסגעשריען מיט כעס:

א פשוטער קנעכט וואלט שוין געקאנט בעסער פותר חלום זיין!

אז דער שר המשקים האָט דערהערט פּרעה'ס רייד, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט אָן יוסף'ן און דערציילט פּרעה'ן:

ושם אתנו נער עברי עבד — און דאָרטן איז געווען מיט אונז א אידישער אינגל, א קנעכט (בראשית מ"א, י"ב.)

רש"י זאָגט דאַרויף: ארורים הרשעים שאין טובתם שלמה שמזכירו בלשון בזיון — פאַרפלוכט זאָלן זיין די רשעים, וועלכע אויב זיי טוען שוין יאָ אמאָל א אידן א טובה איז עס אויך ניט מיטן גאַנצן הארצן. האָט ער שוין יאָ דערציילט וועגן יוסף'ן, האָט ער אים אַנגערופן מיט שענדלעכע נעמען און געזאָגט: נער — ער איז א אינגל, א נאַר, און פאַרדינט ניט מ'זאָל אים גרויס מאַכן; עברי — ער איז א איד און קומט פון עבר לים און קאָן ניט ריידען אויף אונזער שפּראַך; עבד — ער איז א קנעכט. א שקלאַף, און אין אונזערע געזעצן איז פאַרשריבן אז א קנעכט טאָר ניט הערשן און טאָר ניט טראָגן קיין פירשטלעכע קליידער.

דער ספר הישר זאָגט, אז פּרעה איז געזעסן אויף א טראָן צו וועלכן ס'האָבן געפירט זיבציק טרעפּ, און בלויז דער וואָס האָט געקענט אַלע זיבציק לשונות האָט געקענט צוקומען צום אויבערשטן טרעפּ און ריידן פּה אל פּה מיט פּרעה'ן. ווען מ'האָט יוסף'ן געבראַכט אָן אָפּגעגאָלטן און אויסגעפּוצטן, איז ער גלייך ארויף אויפ'ן דריטן טרעפּ און גערעדט דריי שפּראַכן, וואָס האָט ארויסגערופן גרויס דרך ארץ צו איהם. פּרעה האָט דאַמאָלט איינגע־זען, אז יוסף איז ניט קיין פּשוטער שקלאַף נאָר קומט פון א פיינער, געלערנ־טער משפּחה, און אים דערציילט זיינע חלומות.

יוסף האָט אים דערקלערט, אז ביידע חלומות זיינען אייגענטלעך איין און די זעלבע זאַך און באַדייטן, אז ס'וועלן זיין פריער זיבן יאָר פון שפע און גע־רעטעניש און דערנאָך וועלן אָנקומען זיבן יאָר פון הונגער און נויט. ער האָט אויך גע'עצה'ט דעם קעניג צונויפצוזאַמלען די תבואה אין די יאָרן פון גע־רעטעניש, כדי צו האָבן מיט וואָס אויסצוהאַלטן די מענשן אין די יאָרן פון הונגער.

דעם קעניג איז די דערקלערונג אזוי גוט געפעלן, אז ער האָט יוסף'ן געמאַכט פאַר אַ שני למלך און אים באַשטימט צונויפצוזאַמלען די תבואה אין די זיבן יאָהר פון גערעטעניש.

דער ספר הישר דערציילט, אז פּרעה האָט געבעטן יוסף'ן אים געבען א סימן אז זיין באַשיידונג פון חלום איז ריכטיק. האָט יוסף אים געזאָגט, אז

די קעניגן געהט איצטער צו קינד און וועט געבוירן א זון, אבער תיכף דער־נאָך וועט דער איצטיקער יורש צום טראָן שטארבן. בעת יוסף איז נאָך גע־שטאנען פאר פרעה, האָט מען געבראכט ביידע בשורות, און פרעה האָט זיך ווידעראמאָל איבערצייגט אין דער געטלעכקייט פון יוסף׳ן.

און פרעה האָט א נאָמען געגעבען יוסף׳ן: צפנת פענה, און אים געגעבן אסנת, די טאָכטער פונם הויפּט־גלח אין דער שטאָדט אן, פאר א ווייב. (בראשית מ״א, מ״ה.)

דער ליקוטי יוסף זאגט, אז אין גאנצן לאנד האָט זיך אויפגעהויבן א שטורם קעגן דער דערהויבונג פון יוסף׳ן. מ׳האָט אומעטום גערעדט און געמאכט חוזק, וואס א געוועזענער קנעכט ווערט דער וויצע קעניג. האָט פרעה בכיוון געענדערט זיין נאָמען אויף צפנת פענה, וואס מיינט אין עגיפּטיש „דער וואָס זעט פארבארגענע זאכן״, און אים געגעבען די טאָכטער פון א הויפּט־גלח פאר א ווייב כדי צו פארשטאָפּן די מיילער פון די גלחים, וועלכע האָבן געהאט א גאָר גרויסע מאכט אין לאנד.

אז יוסף איז געוואויר געוואָרן וועגן דעם הונגער אין זיין פאטער׳ס היים, האָט ער פארשטאנען אז אודאי וועט אויך זיין פאָטער שיקן קיין מצרים קויפן תבואה זיך צו דערהאלטן ביים לעבען. כדי גענוי צו וויסן ווען אימי־צער פון זיין משפחה וועט אנקומען, האָט ער איינגעפירט אז יעדער אנקו־מענדיקער איינקויפער זאָל ביים אריינקומען אין לאנד זיך רעגיסטרירן.

ווען יעקב האָט געשיקט זיינע זין קיין מצרים קויפן ברויט, האָט ער זיי אנגעזאגט ניט אריינצוגיין צוזאמען דורך איין שטאָט־טויער. יעקב׳ס זין זיינען אלע געווען גרויסע גיבורים, און ער האָט זיך דערפאר געשראקן. האָ־בען די זין אזוי געטאָן און אריינגעקומען דורך פארשידענע טויערן.

אז יוסף האָט זיך דערוואוסט דורך די רעגיסטראציע ביכער, אז זיינע ברידער זיינען אנגעקומען יעדער דורך א באזונדערן טויער, האָט ער בא־פוילן אויף מאָרגען עפענען בלויז איין איינציקן תבואה שפּייכלער, כדי אלע ברידער זאָלן מוזן אהין קומען. דריי טעג זיינען אָבער אוועק, און די ברידער זיינען ניט געקומען צום שפּייכלער איינקויפן תבואה. האָט יוסף געלאזט זיי אויפזוכן און געבראכט צו זיך.

און יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, אָבער זיי אים האָבן ניט דערקענט (בראשית מ״ב ח׳.)

רש"י זאגט, אז יוסף'ן איז דורך דער צייט אנגעוואקסן א באָרד, און דערפאר האָבען זיי אים ניט דערקענט.

דערציילט מען דאָס דאָזיקע מעשה'לע:

א פאראַרימטער מלמד איז אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, און זיך דארטן ניט געקענט איינארדנען. איז ער צוריקגעקומען אהיים און אוועק פרעגן ר' אייזעל חריף פון סלאנים אן עצה צי ער זאָל ווידעראַמאָל ווערן א מלמד. האָט אים ר' אייזעל חריף געענטפערט:

מיר דוכט אז אויך דערביי וועסטו ניט מצליח זיין, ווארן וועגן יוסף'ן זאגט רש"י, אז ער איז אוועק פון די ברידער אן א באָרד און ווען ער האָט זיך מיט זיי צוזאמענגעטראָפן אין מצרים האָט ער שוין געהאט א באָרד. דו אבער ביסט אוועק קיין אמעריקע מיט א באָרד, און איצטער ווען דו האָסט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט דיינעם א ברודער א אידן, האָסטו ניט קיין באָרד.

די אגדה דערציילט: בשעת יוסף האָט גערעדט מיט זיינע ברידער, האָט ער באַמערקט ווי שמעון און לוי, די צוויי גבורים, קוקן זיך איבער מיט כעס און פּלאנעווען אנצופאלן אויף מצרים. האָט ער מורא געקראגן, און באפוילן זיי פארשפארן אין תפיסה ביז די איבריקע ברידער וועלן צוריקפארן און ברענגען צו אים בנימין'ען.

ווען די סאָלדאטן האָבן זיך דערנענטערט צו שמעון'ען, האָט ער אויף זיי א געשריי געטאָן מיט אזא גבורה אז זיי האָבן זיך דערשראָקן און אנטלאָפן. האָט יוסף'ס זון, מנשה, זיך אליין א לאָז געטאָן צו שמעון'ען און אים דערלאנגט אזא קלאַפּ מיט'ן פויסט, אז שמעון איז אזש געבליבן א פאר-טומלטער.

ווען שמעון איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אנגערופן צו זיינע ברידער:

—איך דערקען אָן דעם קלאַפּ, אז דער דאָזיקער האָט אין זיך די גבורה פון אונזער משפחה; ניט אנדערש, אז ער איז אונזערער אן אייגענער, פלייש פון אונזער פלייש און ביין פון אונזער ביין.

יוסף האָט זיך ניט געלאזט דערקענען צו זיינע ברידער, און כדי זיי צו געבן פילן די אומאנגענעמלעכקייטן פאר דעם פארברעכן, וואָס זיי זיינען בא-גאנגען קעגן אים, האָט ער זיי חושד געווען אין שפיאָנאַזש:

אויב איר וועט מיר ניט ברענגען אייער אינגסטען ברודער בנימין, שווער איך ביים לעבען פון פרעה אז איר זענט שפּיאָנען (בראשית מ"ב, ט"ז.)

רש"י זאגט דארויף: כשהיה נשבע לשקר היה נשבע בחיי פרעה — אז ער האט באדארפט שווערן פאלש, האט ער געשווארן ביים לעבן פון פרעה.

א קריסטלעכער שר האט אמאל געפרעגט דעם גאון ר' איטשעלע וואלאזשי־נער: איז דאס געוועז ערלעך פון אייער יוסף הצדיק צו שווערן פאלש ביים לעבן פון פרעה?

האט אים דער גאון דארויף געענטפערט: אז דער טייטש איז: חי פרעה — אזוי ווי פרעה איז א לעבעדיקער גאט, אזוי זענט איר שפיאנען.

יוסף האט פארהאלטן שמעון'ען פאר א משכון, און געהייסן די איבריקע ברידער פארן צוריק אהיים און ברענגען מיט זיך זייער אינגסטן ברודער, בנימין. ווען זיי האבן באדארפט אפפארן, האט יוסף צוריק אריינגעלייגט אין זייערע זעק דאס געלט וואס זיי האבן אים געגעבן פאר דער תבואה. געפי־נענדיק דאס געלט, האבען זיי זיך שטארק דערשראקן און פארשטאנען אז מ'זוכט צו מאכען אויף זיי א בלבול.

קומנדיק צוריק אהיים צום טאטן, האבן זיי דערציילט וואס ס'איז פאר־געקומען און געפאדערט דער פאטער זאל מיט זיי מיטשיקן בנימין'ען. יעקב האט ניט געוואלט, ווייל ער האט מורא געהאט ס'וועט מיט אים טרעפן אן אומגליק ווי ס'האט געטראפן צו זיין עלטערן ברודער, יוסף. ראובן, דער עלט־סטער, גאראנטירט צוריקצוברייגען בנימינ'ען און זאגט: אויב חלילה איך ברענג ניט צוריק בנימנ'ען, זאלסטו טוידטן מיינע קינדער. דארויף ענטפערט אים יעקב: דו נארישער ראובן, נו און דיינע קינדער זיינען דען ניט מיינע?

דערזעענדיק בנימין'ען, זיין ליבלעכן ברודער, האט יוסף זיך שטארק דערפרייט. זיינע ברידער האט ער אבער די פרייד ניט ארויסגעוויזן. ער האט זיי בלויז געטרייסט, אז דאס געלט וואס זיי האבן געפינען אין זייערע זעק האט גאט זיי צוגעשיקט אן אוצר. ער האט געמאכט פאר זיי א קעניגלעכן מאלצייט, און אויסגעטיילט טייערע מתנות און בנימין'ען האט ער צוגעטיילט א דאפלטע מתנה.

ווען זיי האבן באדארפט אפפארן, האט יוסף געהייסן איינעם פון זיינע דינער אריינלייגן זיינעם א זילבערנעם בעכער אין בנימין'ס זאק, און גלייך נאך זייער אפפאהרען זיי נאכיאגן און געפינענדיק דעם בעכער אלעמען צו־ריקברענגען קיין מצרים.

ווען מ'האט דעם בעכער געפונען אין בנימינ'ס זאק, האבן די ברידער געצארנט און אויסגעשריען: ס'עפעלע פאלט ניט ווייט פון בוימעלע! די מאמע

זיינע האָט געגנבעט די געטשקעס פון טאטן און דער זון אירער גנב׳עט דעם בעכער פון וואוילטעטיקן שני למלך.

אָט דער דאָזיקער עפּיזאד איז געווען דער קלימאקס פון דער מכירת־יוסף־דראמע, וועלכע איז אזוי רירנדיק, אזוי הארציק־טראגיש און אזוי אייביק מענשלעך. די דראמע וואס לערנט אז דער מענש איז ניט דער בעל הבית איבער זיין אייגענעם שיקזאל און קאן קיינמאָל ניט וויסן צו וואס דער אדער יענער עפּיזאד וועט דערפירן. אפילו פעלקער באהערשן ניט דעם גורל. און פאלן דוקא דאמאלט ווען דער וועג פירט צו נצחון און אויפשטייג.

ו י ג ש

ויגש אליו יהודה — און יהודה האָט זיך צו אים דערנענטערט און געזאָגט: כ'בעט דיך מיין האר (בראשית מ"ד, י"ח).

די אגדה דערצעהלט, אז יהודה איז לכתחילה געקומען מיט כעס און גע־וואלט יוסף'ן טוידטן. יוסף האָט זיך אבער ניט דערשראקען פאר די דראָ־אונגען, און אים אפגעענטפערט מיט כעס און שטאָלץ. יהודה איז דערנאָך געווארען געלאסענער, ווייכער, און זיך שוין געבעטן:

—זע, מיין האר, מיר זיינען ניט געקומען אהער מלחמה האלטן, גיב אונז אפ אונזער אינגסטן ברודער און מיר'ן גיין צו אונזער פאָטער.

איז יוסף אויך געווארן געלאסענער, און געזאָגט:

—גיי און זאג דיין פאטער, אז דער שטריק האָט זיך נאכגעשלעפט נאָכן עמער און בנימין איז געבליבן דארטן וואו יוסף איז!

איז יהודה ווידער געווארן אין כעס און אויסגעשריען: איך האָב פיינט צו זאָגן שקרים ווי די מצריים!

—נו, און פארקויפן אַן אייגענעם ברודער און דערנאָך אָפנארן דעם איי־גענעם פאטער האָסטו יא ליב געהאט? — האָט יוסף געפרעגט סארקאסטיש.

יהודה האָט איינגעזען, אז יוסף ווייסט אלץ וואס ער און די ברידער האָ־בען געטאָן צו יוסף'ן, האָט ער געזאגט מיט הכנעה:

—וואס זאלן מיר זאגן און וואס זאלן מיר ריידן, אז גאָט וויל אונז באַ־צאָלן פאר אונזערע זינד? !

דער קאָצקער רבי האָט געטייטשט: **ויגש אליו יהודה — יהודה האָט זיך דערנענטערט צו יוסף'ן, ויאמר — און ער האָט געזאגט: בי אדני — אין מיר איז גאָט!**

דער ראדזשינער רבי האָט געזאָגט: די נוטריקון פון וואָרט **„ויגש"** מאכן: „וויינט אידעלאך, געוואלט שרייט!"

א פאלקס־מדרש טייטשט: יהודה האָט געזאגט צו יוסף'ן: **בי אדני** — **דורך מיר ביסטו געווארן א האר, ווייל ס'איז געוועזן איך וואָס האָט געהייסן**

דיך פארקויפן קיין מצרים.

קאַנטיק, אז יוסף האָט געוואלט אנווענדן די מצרישע מידות פון גע־רעכטיגקייט. איז ער דאך געווען דער שני למלך און געבונדן דורך א שבועה אפצוהיטן שטרענג די געזעצן, מידות און טראדיציעס פון ברוטאלן מצרים. יהודה האָט מיט יוסף׳ן געלערנט א סדרה אידישקייט, און אים דערציילט פון דער אידישער עטיק, חוש פאר רחמנות און באגריף פון גערעכטיגקייט.

האָט זיך יהודה דערנענטערט צו יוסף׳ן און געזאגט: כ׳בעט דיך, מיין הער, און זאל דיך ניט פרדריסן וואס איך מאך דיר פארוואורף, כי כמוך כפרעה — דו ביסט דאך פונקט ווי פרעה, און ווילסט אָנווענדן זיינע באַ־גריפן וועגן יושר און גערעכטיגקייט. דו האָסט געפאָדערט מיר זאָלן דיר ברענגען אונזער אינגסטן ברודער זאלסט זיך איבערצייגן, אז מיר זיינען ניט קיין שפיאָנען און האָבן דיך ניט גענארט. האָט אונזער פאָטער גענומען אויף זיך די אומדערטרעגלעכע יסורים און דערלויבט זיין באליבט קינד אונטערנעמען אזא ווייטע און געפערלעכע רייזע. איצטער אז דו האָסט זיך איבערצייגט אין אונזער ערלכקייט, ווילסטו גאר פארהאלטן אונזער אינגסטן ברודער? ! אזוינס איז עגיפּטישע גערעכטיגקייט, און גאנץ ווייט פון אונ־זער אידישן באגריף. ביי אידן וואלט מען אזא אומגערעכטיגקייט ניט באַ־גאנגען.

יש לנו אב זקן — אונזער טאטע איז שוין גאנץ אלט, און איז דער פּראטאטיפּ פון פאטערלעכער איבערגעבענהייט און ליעבשאפט. זיין ליבע צו די קינדער איז ניט קיין אויבערפלעכלעכע און געמאכטע, נאר אן אמתע און הארציקע און והיה כראות כי אין הנער ומת, אז ער וועט דערזען אונזער אינגסטער ברודער איז ניטאָ מיט אונז, וועט ער ניט אויסהאלטן און גיין פון דער וועלט. איז עס יושר׳דיק, אז דערפאר וואס בנימין האָט, ווי דו זאגסט, גע׳גנבעט א בעכער זאל אונזער טאטע פארלירן זיין לעבען? ביי אייך אין מצרים, אונטער די געזעצן פון פרעה, איז אזוינס אפשר א גערעכטער משפּט, אָבער ניט ביי אונז אידען. אונזער באַגריף איז אַן עטישער, פול מיט צדק און חסד.

ערשט דאמאלט ווען יהודה האָט יוסף׳ן דערמאָנט אין דער גרויסער גייסטיגקייט פונם אידן, אין זיין הויכער מאראל און יושר׳דיקן משפּט, אין דער אומבאגרענעצטער ליבשאפט און רחמנות צו יעדן מענשן, ולא יכול יוסף להתאפק — האָט זיך יוסף מער ניט געקענט איינהאלטן. זיין גאנצער

כעס צו די ברידער איז פארשוואונדן, און ער האט זיי אלץ מוחל געווען און אויסגעשריען: אני יוסף!

דער איד הקדוש האט געטייטשט: אדני שאל את עבדיו לאמר, היש לכם אב? ונאמר אל אדני: יש לנו אב זקן. — דער רבונו של עולם פרעגט אונז, אידן: ווייסט איר אז איר האט א טאטן אין הימל וואס וואכט און באשיצט אייך? ענטפערן מיר דעם רבונו של עולם: יש לנו אב זקן — אודאי, גאטעניו, ווייסן מיר אז מיר האבן דעם אלטן טאטן נאר מיר זיינען שלעכטע קינדער און ווייסן ניט ווי אים צו שעצן און אכטן.

די אגדה האט אויך צו דערציילן, אז יוסף האט זיך צוגעהערט ווי די ברידער ריידן צווישן זיך אין העברעאיש, און ווי איינער באשולדיגט דעם אנדערן אין דער זינד וואס זיי זיינען באגאנגען קעגן יוסף'ן, האט ער זיך לענגער ניט געקענט איינהאלטן און א געפיל פון רחמנות האט זיך אין אים דערוועקט:

—איר האט מיר דערציילט — האט יוסף צו זיי געזאגט — אז ביי אייך איז א ברודער פארלארן געגאנגען, וועט איר זען אז איך וועל אים רופן און ער וועט פאר אייך דערשיינען.

די ברידער זיינען דערשטוינט געווארן, און זיך אומגעקוקט מיט גרוים פחד.

—יוסף בן יעקב! יוסף בן יעקב! — האט יוסף געשריען — קום אריין צו דיינע ברידער!

די ברידער האבן אנגעהויבן זיך ארומקוקן און מיט בליקן פון מורא און פחד געווענדט די אויגן צום טיר, אבער קיינער האט זיך ניט באוויזן. האט יוסף צו זיי געזאגט:

— קוקט ניט צו דער טיר, אייער ברודער דארף פון ערגעץ ניט אנקומען; ער איז דא מיט אייך! אני יוסף! — איך בין יוסף!

די ברידער זיינען געבליבען שטיין פארגאפט, און זיך ניט גערירט פון ארט. האט יוסף אנגעהויבן ריידן אין העברעאיש, און געזאגט:

—זארגט אייך ניט און האט קיין מורא ניט. ניט איר האט מיך אהער געשיקט, נאר גאט האט עס געטאן כדי איך זאל קענען ראטעווען א סך מענשען פון הונגער.

דאמאלט זיינען די ברידער זיך געפאלן אויף די העלזער און זיך געקושט מיט א געוויין פון פרייד און גליק.

די וועלט פרעגט דארויף: איז דען באמת דער ריידן העברעאיש א סימן מובהק אז דער רעדנער איז א איד? איז דען ניט געווען אין מצרים א גוי וואס האט געקענט ריידן העברעאיש?

ענטפערט די וועלט: יוסף האט געזאגט: כי פי המדבר אליכם — זעט, ברידער מיינע, ווי ריין און גוט איך רייד אייער שפראך, ניט ווי א גוי רעדט אידיש.

אז יוסף האט זיך דערקענט צו די ברידער, האט ער זיי אויף גיך צו־ריקגעשיקט צום אלטן טאטן אים צו ברענגען צו זיך מיט דער גאנצער פא־מיליע „וישבת בארץ גושן והיית קרוב אלי — און דו וועסט זיך באזעצן אין לאנד פון גושן און דו וועסט זיין נאענט צו מיר".

די וועלט פרעגט: פארוואס האט יוסף ניט געוואלט זיין טאטע און די ברידער זאלן וואוינען מיט אים צוזאמען, נאר אנגעזאגט אז זיי וועלן וואוינען נאענט נעבען אים אין לאנד גושן?

ענטפערט די וועלט: יוסף האט מורא געהאט, אז אויב די ברידער וועלן וואוינען מיט איהם אין איין וואוינונג, וועט זיך ווידער מאכען עפעס א מחלוקה'לע, און וואס א ברודער־קריג באדייט האט ער שוין געוואוסט פון פריער. דערפאר האט ער זיך געטראכט: נאמיר זיין גוטע פריינט פון וויי־טענס; ווייטער פון די אויגן — נענטער צום הארצן!

יוסף האט פארגעשטעלט זיינע ברידער פאר פרעה'ן, און אים דער־דערציילט וועגן זיין פלאן זיי צוזאמען מיט'ן טאטן צו באזעצן אין גושן. דערביי האט ער דערציילט פרעה'ן, אז זיינע ברידער זיינען פיטערער פון שאף. דארויף האט דער פשיסכער רבי געזאגט:

ס'זיינען פאראן אידן וואס באשטרעבן תמיד זיך איינצוקויפן אין יחוס פון פרעמדע פעלקער. זיי וועלן טאן אלץ אין דער וועלט, אבי די גויים זאלן זיך מיט זיי חבר'ן. יוסף הצדיק האט אבער געטאן פונקט פארקערט: וואס מערער ער האט זיך געקענט דערווייטערן פון די מצריים, האט ער עס געטאן. יוסף האט געוואוסט אז כי תועבת מצרים כל רועה צאן — אז אין מצרים ווערט פיטערן שאף פארעכענט פאר אן אומווירדיקע טאט, פאר א נידריקע ארבעט, און דאך האט ער געזאגט: והאנשים רעי צאן — די מענשען זיי־נען פיטערער פון שאף.

וייטב בעיני פרעה — און ס'איז געפעלן געווארן אין די אויגען פון פרעה (בראשית מ"ה, ט"ז).

פרעגט די וועלט: פארוואס איז עפעס פרעה'ן געפעלן געווארן יוסף'ס פלאן צו באזעצן די אידן אין גושן?

ענטפערט די וועלט: פרעה האט געוואוסט, אז דארטן וואו אידן באזעצן זיך, ווערט פון א דערפעל — א שטעדטעל.

יוסף האט מיטגעשיקט מיט די ברידער גאר א סך טייערע מתנות, זיי מיטגעגעבן שפייז און וועגענער, אייזלען און קעמלען, געלט און קליידער, ולאביו שלח מטוב מצרים — און צום פאטער האט ער געשיקט פונם בעסטען אין לאנד מצרים. רש"י זאגט, אז ער האט מיטגעשיקט „יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו" — אלטן וויין, וואס אלטע לייט האבן שטארק ליב.

פרעגט די וועלט: פארוואס האבן אלטע לייט ליעב אלטן וויין?

ענטפערט די וועלט: געוויינטלעך זיינען אלטע לייט ניט צופרידן מיט דער עלטער. זיי זעען דאמאלט ווי יעדע זאך וואס ווערט אלט, אן אלטער בגד, אלטע שיך, אן אלטער בנין, פארלירט דעם ווערט און נוצלעכקייט. דאריבער, אז זיי דערזעען אלטן וויין, וועלכער ווערט בעסער און געשמאקער דורך זיין אלטקייט, טרייסטען זיי זיך און האבן דערפון אן הנאה.

ווי גרויס עס איז געווען דער רחמנות געפיל פון יוסף'ן, באווייזט אויך זיין אנזאג צו די ברידער: „אל תרגזו בדרך — איר זאלט זיך ניט קריגן אויפן וועג, ניט פארנעמען מיט א דיסקוסיע איבערן דין פון פארקויפן א ברודער פאר א קנעכט, ואל תפסיעו פסיעה גסה — איר זאלט ניט זיין נערוועז און מאכן געוואגטע שריט, נאר בחמה לעיר — איר זאלט אריינקומען אין אייער שטאדט מיט דער זון, מיט הוילער ליכטיגקייט און זיין באהערשט מיט דער אמתער ליבע פון איינעם צום אנדערן, וואס איז די זון פון אידישן לעבן, דער אור התורה — דאס ליכט וואס שיינט הויך איבער אלע פעלקער און לענדער.

די ברידער האבן געפאלגט יוסף'ן, און פריילעכע אנגעקומען צוריק אהיים. זייערע פנים'ער האבן געשיינט פון שמחה, וואס זיי האבן צוריקגעפונען זייער ברודער און וואס ער האט זיי מוחל געווען זייער גרויסע זינד קעגען אים. זיי האבן אבער מורא געהאט זיך צו באווייזן פאר'ן פאטער, עס זאל מיט אים ניט טרעפן קיין אומגליק ווען ער וועט דערהערן די דאזיקע פריילעכע בשורה. האבן זיך די ברידער אוועקגעזעצט אויסערן שטאדט, און גענומען טראכטען וועגן א פלאן ווי אזוי איבערצוגעבען די בשורה צום טאטען.

און אזוי ווי זיי זיינען געזעסן און געטראכט — דערציילט די אגדה— איז אָנגעקומען שרח, די טאָכטער פון אשר, וועלכע איז געווען זער א קלו־גע און באַגאַבטע, און שטארק באַליבט ביים זיידן, יעקב׳ן.

האָט אשר דערציילט זיין טאָכטער אז יוסף לעבט און איז דער שני למלך אין מצרים, און שרח האָט שוין געוואַלט לויפן אויף גיך אהיים און אנזאגן דעם זיידן די בשורה. אשר האָט איר אבער צוריקגעהאַלטן, און איר געזאָגט:

—לויף ניט מיין קינד! א בשורה טאָר מען פלוצים ניט אָנזאָגן!

—וואס זשע דען זאָל איך טאָן ? — האָט שרה געפרעגט איר טאַטן.

—דו, מיין טאָכטער, — זאָגט אשר — נעם דיין פידעלע און שפּיל דעם זיידן א פריילעך לידעלע, ווי דו טוסט עס תמיד פאַר אים, און שפּילנדיק זאָלסטו אויסזינגען די בשורה צו אים ווי אין א ליד.

איז שרה געקומען מיט איר פידעלע צום זיידן, און געשפּילט און גע־זונגען:

„דער פעטער יוסף לעבט !
„דער פעטער יוסף לעבט !
און מצרים דאָס לאַנד
איז אין זיין האַנט !
ווי פּרעה איז ער גרויס,
ווי פּרעה איז ער גרויס ;
ניט קיין ליגן טראַכט איך אויס !

יעקב האָט זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון איר ליד, און ארויפגעשיקט א תפילה צו גאָט: הלואי, רבונו של עולם, זאָל עס טאַקע אמת זיין: ווי דאַנקבאַר איך וואָלט דיר געווען!

ויפג לבו כי לא האמין להם — און זיין הארץ האָט זיך געביטן, געוואָרען שוואַך, ווייל ער האָט ניט געגלויבט. (בראשית מ״ה, כ״ו.)

האָט שרה ווידעראַמאָל גענומען איר פידעלע אין האַנט, און אויפדאָס־ניי אויסגעזונגען:

„אמת, זיידע, אמת,
אמת איז דאָס אַלצדינג,
וואס אין ליד, דעם פריילעכן,
איצט פאַר דיר איך זינג!

עס לעבט דער פעטער יוסף;
זיידע, קלאָג ניט מער:
ער איז שני למלך אין מצרים —
ביי אונזער גאָט איך שווער!"

האָט יעקב ארומגעכאפט קושן זיין איניקעל, און מיט פרייד איך געפרעגט:

—ווער האָט דיר דאס געזאגט, קינד מיינס? זאג, וואו האָסטו דאָס געהערט?

אין דעם זעלבן מאמענט זיינען אנגעקומען יוסף'ס ברידער, און אויסגעשריען: עוד יוסף חי — יוסף לעבט נאך!

די פרייד וואס יעקב האָט געהאט ווען מ'האָט אים אנגעזאגט די בשורה, איז געווען אן אויסערגעוויינטלעכע און ער, צוזאמען מיט זיין גאנ־צער פאמיליע, וועלכע איז באשטאנען פון זיבעציק פערזאן, זיינען געקומען קיין מצרים. ווען ער האָט דערזען יוסף'ן, איז ער אים געפאלן אויפן האלז, געוויינט און אויסגערופן:

אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי — איצטער קאָן איך שוין שטארבן, ווייל איך האָב געזען דיין פנים אז דו לעבסט נאָך. (בראשית מ"ו, ל".)

רש"י טייטשט, אז יעקב האָט געזאגט: איצטער אויב איך זאל אפילו שטארבען, וועל איך זיין צופרידען ווארן איך האָב געזען דיין פנים. די וועלט טייטשט אבער אנדערש:

אז יעקב האָט דערהערט ווי יוסף האָט צוגעזאגט צו שפייזן אים מיט זיין הויזגעזינט, האָט ער געזאגט: אמותה הפעם — איך וועל שוין ליבערשט שטארבן, איידער אנקומען צו א קינד!

ווען די איינוואוינער פון מצרים האָבן דערהערט — דערציילט די אגדה — אז יוסף גרייט זיך צו פארן באגעגענען זיין פאטער, האָבן זיי געזאגט:

מיר וועלן אלע מיטפאהרן מיט יוסף'ן אפגעבען גרויס כבוד דעם וואס האָט געבוירן אזא גרויסן און וויכטיקן זון!

זיינען געקומען אלע גרעסטע לייט פון מצרים, און מיטגעבראכט מיט זיך די בעסטע זינגער און שפילער פון לאנד. פרעה אליין האָט געשיקט זיין קעניגלעכע קרוין יוסף זאל זי אנטאן לכבוד זיין פאטער, און אלע איינוואוי־

נער פון לאנד זיינען געשטאנען ארום יוסף׳ס פאלאץ און געווארט ער זאל ארויסקומען. און ווען ער האט זיך באוויזן אנגעטאן אין פרעה׳ס קרוין, האבן אלע פארזאמלטע אויסגעשריען:

—זאל לעבן אונזער שני למלך! זאל לעבן זיין אלטער פאטער!

יוסף האט אלעמען הארציק באדאנקט פארן גרויסען כבוד, און זיך גע־נומען איינשפאנען דעם רייטוואגען פאר זיין פאטער. ווען די אנגעקומענע מצריים האבען דאס דאזיקע דערזען, האבן זיי געשריען:

—דערלויב אונז, דיינע קנעכט, איינצושפאנען דעם רייטוואגען פאר דיין פאטער, און אויב דו ווילסט וועלן מיר אפילו טראגן דעם רייטוואגן אויף אונזערע פלייצעס.

האט יוסף זיי געענטפערט:

—ס׳איז דאס גרעסטע גליק מיינס, וואס איך קאן איצטער, נאך אזוי פיל יארן אוועק פון דער היים, ווידעראמאל מקיים זיין די גרויסע מצוה פון כבוד אב און אליין צוגרייטען דעם רייטוואגן!

ויחי

און יעקב האט געלעבט אין לאנד מצרים זיבעצן יאר, און ס'זיינען געווען די טעג פון יעקב, די יארן פון זיין לעבן, הונדערט און זיבן און פערציק יאר. (בראשית מ"ז, כ"ח).

די תורה דערציילט תמיד וועגן די יארן וואס דער צדיק לעבט אין א באשטימטן ארט און לאנד. ויחי יעקב בארץ מצרים — אפילו אין מצרים האט יעקב געלעבט זיין אייגנארטיק אידיש לעבן. דער צדיק לעבט יעדן טאג פון זיינע יארן. קיין איינציקע רגע גייט ניט פארלוירן אין פרעמדקייטן און אין נארישקייטן. יעדער טאג זיינער איז פול מיט לעבעדיקע מעשים און אויפטואונגען.

מצרים איז געווען א רייך־אנטוויקלט לאנד און געשטאנען אויף א הויכער מדרגה פון ציוויליזאציע און קולטור. יעדער איינוואנדערער איז גאר גיך פארכאפט געווארן פון אט דער דאזיקער געצנדינערישער קולטור און געווארן פולשטענדיק אסימילירט. דא, אין אמעריקע, האט אויך דער דורכשניטלעכער איד דעם פארטיקן מזומן און תירוץ: „ס'לאנד און קולטור איז גורם די אסימילאציע." אנדערש האט עס אבער פארשטאנען יעקב אבינו און אפילו יוסף וועלכער איז עולה לגדולה געווארן צו א שני למלך. אין יעדן לאנד, אין געדריקטקייט און אין רחבות'דיקייט, איז ויחי יעקב, האט יעקב געלעבט זיין שטייגער לעבן — יעקב'ס לעבן.

און ס'האבן זיך דערנענטערט די טעג פון ישראל צו שטארבן און ער האט גערופן זיין זון יוסף און האט צו אים געזאגט: אויב, כ'בעט דיך, כ'האב געפונען חן אין דיינע אויגן, טו, כ'בעט דיך, דיין האנט אונטער מיין דיך, און זאלסט טאן מיט מיר א חסד און א טריישאפט; זאלסט מיך ניט באגראבן, כ'בעט דיך, אין מצרים (בראשית מ"ז, כ"ט).

דער ווייטזעעוודיקער יעקב, אט דער מיט וועמען ס'דארף זיך אנהויבן די באגרינדונג פון אידן ווי א פאלק, אן אייביק פאלק און עם סגולה וממלכת כהנים, פארלירט קיינמאל ניט זיין אחריות'דיקן באוואוסטזיין. אט ווי נאר

עס דערנענטערן זיך די טעג צו שטאַרבן, רופט ער צונויף די בני ישראל און קנעלט מיט זיי איין די התחייבות'ן אין גלות.

און זאָלסט מיך ליגן מיט מיינע עלטערן און מיך אַוועקטראָגן פון מצרים און מיך באַגראָבן אין זייער קבר. האָט ער געזאָגט: איך וועל טאָן אַזוי ווי דיין וואָרט (בראשית מ"ז ל').

דער עיקר זיינען זיינע אויגן געווענדט צום אידישן לאַנד, דאָרטן וואו ס'געפינט זיך דער קבר פון זיינע אבות. אים איז דערווידער דער לעבן דאָרטן און אַ סך וויכטיקער איז אים ניחא דאָרטן צו שטאַרבן. אויב ס'איז אים ניט באַשערט צו שטאַרבן אין לאַנד פון זיינע אבות, וויל ער כאָטש דעם טוידטן גוף דאָרט האָבן. יעקב אבינו האָט מיט דעם פאַרבונדן דעם אידישן גורל מיטן אידישן לאַנד. אויב ישראל קאָן דאָרטן ניט לעבן, טאָ זאָל דאָס לאַנד לעבן אין ישראל: אויב אידן קאָנען ניט מיט די לעבעדיקע גופים באַפרוכט־בערן דאָס לאַנד, טאָ זאָלן זיי עס טאָן מיט די טויטע גופים, מיט די קברים זייערע.

יעקב אבינו האָט געגעבן דעם ביישפיל צו יענע שפּעטערדיקע אבות אונ־זער"ע, די צדיקים און מקובלים, וואָס זיינען דורך די הונדערטער דורות געפאָרן קיין ארץ ישראל שטאַרבן. מיט זייערע הייליקע קברים האָבן זיי באַוואַכט דעם באָדן, געוואָרן די שומרי החומות, די געטרייע פאַרגייסטיקע היטער פון דער אידישער ירושה. די פּשוטע תהילים־אידן און פאָלקס־מענשן, וואָס האָבן זיך מקריב און מקדיש געווען צו פאָרן אַהין שטאַרבן, זיינען די חלוצים וואָס האָבן אויפגעהיט דאָס לאַנד פאַרן איצטיקן תחית המתים, פאַרן ווידעראויפבוי פון אַ לעבעדיק אידיש פאָלק אין אַ לעבעדיק אידיש לאַנד.

אפילו דאָס זעקעלע ארץ ישראל ערד וואָס מ'האָט דעם אידן מיטגעגעבן אין קבר, האָט מיטגעהאָלפן אין אויסחלומ'ען דעם אידישן משיח, דעם קיבוץ גליות מארבע כנפות הארץ. אָט ד דאָזיקע דורות'דיקע קדושה און גאולה־בענקשאַפט איז די טרייב קראַפט צו די דינאַמיש־לעבעדיקע מעשים פון אונ־זער"ע בויער און וועט אודאי אויך זיין דער יסוד פון אונזערע נאָענטע דער־לייזונג.

האָט ער געזאָגט: שווער מיר און ער האָט אים געשוואָרן; און ישראל האָט זיך געבוקט צום קאָפּ פון בעט (בראשית מ"ז, ל"א).

רשי״, טייטשט, אז יעקב האָט זיך געבוקט צו דער שכינה וועלכע געפינט זיך תמיד ביי א חולה צוקאָפּנס.

דערציילט מען פון א אידן אין אמעריקע, וועלכער איז, נעבאך, געווען א קנאפער איד און קוים געקענט איבערלייענען א שטיקל עברי־טייטש אבער האָט זיך דאך געהאט גרויס ארויפגעארבעט און געלאָזט זיינעם א זון אויס־שטודירן אויף דאקטאר. ווען דער דאקטאר האָט דעם ערשטען מאָל אויפגעעפענט אן אייגענעם אָפיס, איז דער פאטער צו אים געקומען און אים געגעבן א פּראקטישע עצה:

אז דו וועסט, מיין זון, אריינקומען צו א קראנקן, זאָלסטו ס׳ערשטע א קוק טאָן צו א שכנ׳טע (שכינה) שטייט ניט ביים קראנקן צוקאָפּנס; אויב יא, זאָלסטו, מיין קינד, אנטלויפן ווייל דער חולה וועט זיכער שטארבן. אזוי שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה, און אזוי האָב איך עס אליין געלייענט אין הייליקן עברי־טייטש.

און ווען איך בין געקומען פון פּדן איז ביי מיר געשטאָרבן רחל אין ארץ כנען, אין וועג, ווען ס׳איז געווען א שטיקל לאנד צו קומען קיין אפרת, און איך האָב איר דארטן באגראבן אויפן וועג פון אפרת, דאָס איז בית לחם (בראשית מ״ח, ז׳).

דוכט זיך פּשוטע ווערטער, און דאָך ווי הארציק־טראגיש. אפילו ביים שטארבן לעבט אויף זיין אומבאגרענעצטע ליבע צו רחל׳ען. איז קיין וואונ־דער ניט וואס ארום דעם האבן זיך געשאפן אזעלכע שיינע דיכטערישע גע־זאנגען.

אָט שטייט אודאי לעבעדיק פאר די אויגן דאָס באַקאַנטע חדר־בילד:

ס׳איז א סומנע ווינטער נאכט. פון דרויסן ווייסן זיך פארשנייטע דעכער, און איבער די חדר־ווענט טונקלען זיך שאָטנס אין מאטן ליכט. הויך אויפן באַ־קן העגגט א קעראָסין־לאָמפּ, און אינם צאנקנדיקן פייערל טונקלט זיך דעם רבינ׳ס לילועט. ס׳איז שטיל, און אין דער ווינטערדיקער פארנאַכטקייט ציט זיך האַרציק־טרויריק דער מעלאנכאָלישער ניגון:

ואני — און איך, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין אייגענער קבורה, האָב איך אבער צו דיין מוטער רחל אזוי ניט געטאָן. בבואי מפּדן — אז איך האָב געטאָן קומען פון פּדן ארם, מתה עלי רחל — איז רחל אויף מיר געשטאָרבן. ווע‍סטו דאָך אפשר זאָגן אַז ס׳איז געווען נאָך ווייט, קאָן איך דיר זאָגן: בעוד כברת ארץ לבא אפרתה—אַז ס׳איז געווען בלויז א שטיקל לאַנד

צו קומען קיין אפרת. אפשר קאנסטו מיינען אז ס׳איז געווען א רעגן, זאָג איך דיר אַז די ערד איז געווען געלעכערט ווי אַ רעשעטקע. אי, ווערסטו פרעגן, פאַר־וואס האָב איך איר ניט מקבר געווען אין דער מערת המכפלה, וועל איך דיר זאָגן אז איך האָב עס געטאָן על פּי הדיבור, ווייל גאָט האָט אזוי געהייסן. ווארן אַן נבוזראדן וועט פארטרייבען די אידן אין גלות אריין און זיי וועלן פארבייגיין רחל׳ס קבר, וועט רחל ארויסגיין און וויינען און שרייען, ווי אין פסוק שטייט: קול ברמה נשמע — איר קול איז געהערט געווארן אין הימל. רחל מבכה על בניה — רחל וויינט אויף אירע קינדער. דאמאָלט וועט ארויס א בת קול און וועט זאָגן: כי יש שכר לפעולתך ושבו בנים לגבולם — גאָט וועט דיך באַלוינען פאַר דיין מיען זיך און דיינע קינדער וועלן זיך צוריקקערן צו זייערע גרענעצן.

דאס רירנדיקע בילד פון דער מוטער רחל איז אזוי ארום פאַראייביקט געווארן אין דער אידישער טראַדיציע, אז נאָך היינט „גייען" אידן צו רחל׳ס קבר. אין דעם ליגט אויך דער אידיש־טראַדיציאָנעלער משפחה־געפיל. הגם אידן זיינען צעשפּאָלטן און צעברעקלט, צעזייט און צעשפּרייט, איז דער משפחה געפיל פון נאָענטער בלוט־פאַרוואַנדשאַפט נאָך איצטער אזוי שטאַרק ווי דאמאָלט בעת יעקב האָט ביים שטאַרבנדיקן בעט צונויפגעזאַמלט זיינע קינדער.

המלאך הגואל — דער מלאך וואס לייזט מיך אויס פון אלדאָס שלעכטס, זאָל בענשן אלע קינדער און ס׳זאל אין זיי גערופן ווערן מיין נאָמען און דער נאָמען פון מיינע עלטערן אברהם און יצחק און זיי זאָלן זיך מערן לרוב אויף דער ערד. (בראשית מ״ח, ט״ז).

אָט די דאזיקע ברכה איז געווארן די ירושה פון אלע דורות. אין איר איז פאַראַן דער פיינער און הארציקער טאָן פון א שטאַרבנדיקן פאָטער צו זיינע קינדער. ס׳פילט זיך דארין די אמת פאָטערלעכע ליבע און איבער־געבנקייט.

מוצאי שבת קודש ווען דער איד מוז פון זיך אויסטאָן די שבת׳דיקייט און זיך איינשפּאנען אינם שווערן יאָך פון פרנסה, זוכט ער טרייסט און דערמוטיגונג אין דער דאָזיקער ברכה. אפילו די אידישע פרוי וועלכע זינגט אויס אויף איר אידיש־הארציקן שטייגער אינם טונקעלען שבת׳דיקן פאַר־

נאָכט דעם „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב," פאַרגעסט אויך ניט דעם „המלאך הגואל" און חזרט אים איבער מיט אויפריכטיקער פרומקייט אין א ריינעם העברעאיש.

שוין טויזנטער יאר זינט יעקב האט די דאָזיקע ברכה געגעבן, און זינט דאמאָלט איז זי קיינמאָל ניט אראָפּ פון אידישן מויל. היינט מערער ווי תמיד געפינען מיר אין דער דאָזיקער ברכה אונזער טרייסט און האפנונג, שטאַרקייט און בטחון.

און יעקב האט גערופן זיינע זין און געזאגט: זאמלט זיך צונויף און איך וועל אייך זאָגן וואס ס'וועט מיט אייך טרעפן אין סוף פון די טעג (בראשית מ"ט א').

דאס דאָזיקע איז דער אזוי גערופענער קלימאקס פון חומש בראשית. יעקב אבינו, דער לעצטער פון די פּאטריאַרכן, שטאַרבט שוין אין גלות, אין א סביבה וואס איז אומהיימליך און אומפריינטלעך. און אָט אין דער דאָזיקער גלות'-דיקער פרעמדקייט חלום'ט ער אוים די אידייע פון אַן אחרית הימים. יעקב איז דער ערשטער אין דער וועלט-געשיכטע וואָס רעדט וועגן דעם און ווייזט ארוים וויזיע און פּערספּעקטיוו; ער איז דער ערשטער וואס ברענגט אריין אינם מענשלעכן לעבן דעם נייעם טאָן פון האפענונג און גלויבן, פון א מאָ-ראַליש-עטישער און סאציאַל-יושר'דיקער וועלט — אַן אחרית הימים'דיקע וועלט.

און אָט מיט דעם דאָזיקן אויסגעוועבטן און אויסגע'חלום'טן בליק אין דער ווייטער צוקונפט, פאַרבינדט יעקב דעם גורל פונם אידישן פּאָלק. זינט דאמאָלט ווערט דער אידישער בליק כלדר געווענדט אין דער אומענדלעכער סוף'דיקייט — אין דעם עתיד לבא.

דער גלות שרעקט אונז מער ניט, און מיר פאַרצווייפלען ניט אפילו ווען ס'רוקט זיך אָן א מלכות הרשעה וואס וויל אונז דוקא פּארטיליקען און פאַרניכטן. מיר זיינען ניט בלויז א פּאָלק מיט א גלאָררייכן עבר, נאָר אויך א פּאָלק מיט אַ ליכטיקן עתיד, אַן עתיד וואָס איז פאַרוועבט אינם חלום פון אַן אחרית הימים.

דער מדרש זאגט, אז יעקב אבינו האָט פאַראויסגעזען יעדן גלות און יעדן שונא אונזערן, און אונז געטרייסט מיט דער פאַראויסזאגונג אז יעדער פּייניקער אונזערער וועט פאַרניכטעט ווערן ביז מיר וועלן פולשטענדיק דערלייזט

ווערן. אנדערש קאָן עס ניט זיין. אָן דער פאַרניכטונג פון אונזערע שונאים און פייניקער, קאָן קיין אחרית הימים ניט זיין, קאָן ניט אנטשטיין א בעסערע און שענערע וועלט.

א שיינער פערל איז אויך די רעליגיעז־דיכטערישע אגדה אין מדרש (בראשית רבה צ״ח), אז יעקב האָט אייגנטלעך געוואָלט אויך מגלה זיין דעם קץ, נאר די שכינה האָט זיך פון אים אפּגעטאָן. די שכינה רוט בלויז דאָרטן וואו ס׳איז פאראן גלויבן און בטחון, אבער ניט ווען מ׳ווייסט אלץ אויף זיכער און ס׳איז פינקטלעך מאטעמאטיש־וויסענשאפטליך אויסגע׳חשבונ׳ט.

יעקב האט זיך דערשראָקן און געזאגט: ווער ווייסט צו צווישן מיינע קינדער איז חלילה ניט פאראן עפּעס א פּסול אדער פּגם ווי ביים זיידען אברהם וואס פון אים איז ארויסגעקומען א ישמעאל און ווי ביים טאטן יצחק וואס פון איז ארויסגעקומען אָן עשיו.

דארויף, זאגט דער מדרש, האבן די קינדער אויסגערופן:
— שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!

די קינדער האָבן יעקב׳ן בארואיקט און געזאָגט: כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד — אזוי ווי אין דיין הארצן לעבט בלויז דער איין און אייגציקער גאָט. דער ד׳ אחד, אזוי אויך אין אונזער הארצן. ערשט דאמאָלט האט יעקב מיט פרייד אויסגעשריען: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

די גמרא (פּסחים נ״ו) גיט דארויף אן אינטערעסאנטן פּירוש: דבר שצויתנו עדיין נוהג בנו — אָט דאס וואס אידן זאָגן אינדערפרי און פאר־נאכט דעם „שמע ישראל״, איז אויך מיט דער כונה צו לאָזן וויסן יעקב׳ן, אז די ירושה וואס ער האט אונז געלאָזן ווערט נאָך אויפגעהיט מיט דער זעלבער אייפערדיקייט. אונזער גאט איז נאָך אלץ דער גאָט פון די אבות, דער ד׳ אחד.

די ברכות צו די איבריקע קינדער, די צוקונפטיקע צוועלף שבטים, פאר־מאָגן אין זיך גאָר א סך פּאָעטישע שענקייט און איז איינע פון די שענסטע פּאָעמעס אין תנ״ך. אין די געציילטע, בצמצום׳דיקע און פּרעציזע ווערטער האבן מיר פאקטיש א פולשטענדיקע כאראקטעריסטיק פון ראובן, שמעון, לוי און יהודה, די עלטערע און וויכטיקערע זין. יהודה איז דער פּאזיטיווסטער כאראקטער; ער איז ווי א לייב, אבער אָן דער חיה׳שער ווילדקייט. ער באַ־נוצט זיך מיט זיין גבורה בלויז אין דער נויטיקער מאָס אין די סאמע נויט־

טיַסטע צוועקן. דאָס דאָזיקע איז אן אויסערגעוויינטלעכע מעלה פאר פי־רעה־שאפט, און דערפאר איז „לא יסור שבט מיהודה.” פון יהודה האבן מיר דעם מלכות בית דוד, און יהודה איז געבליבן לעבן און ניט אונטערגעגאנגען ווי דער מלכות בית ישראל.

שמעון און לוי זיינען דער היפוך פון יהודה: זיי באנוצן זיך א סך פרייער מיט זייער גבורה, און דערפאר איז יעקב ניט צופרידן מיט זייער שטורעמדיקן גרימצאָרן. דער אידישער פרינציפּ איז קעגן נקמה־געפילן, קעגן מאָרד און רויב און קעגן יעדע געוואלדטאט. ראובן האט יא עטוואס פון יהודה׳ס אייגנשאפטן; ער האט נאטירלעכע פייאיקייטן און א שטאַרקן ווילן צו גרויסע מעשים, אָבער אים פעלט אויסגעהאלטנקייט און פעסטקייט.

און ווי יעקב האָט פארענדיקט אָנצוזאָגן זיינע זין, האָט ער ארייַנ־גענומען זיינע פיס אין בעט און ער איז פארגאנגען און איינגעזאמלט געוואָרן צו זיין פאָלק (בראשית מ״ט).

דאס דאָזיקע איז דאס לעצטע קאַפּיטל פון בראשית און אויך דער פינאל פון דער וואונדער־געשיכטע פון אונזערע אבות. די אידישע פאָלקס־טראדיציע האט, קאנטיק, אויסגעדריקט א סך מער נאָענטקייט צו יעקב׳ן ווי צו די איבריקע אבות. יעקב׳ס אייגענער לעבן, זיינע ליידן און וואַנ־דערונגען, האָבן געהאט א נענטערע שייכות מיט אונזער פאלקס־לעבן, און דערפאר האָט די טראדיציע אים ניט געלאָזט אוועקשטאַרבן און אוועקגיין.

די גמרא (תענית ה׳) זאָגט: יעקב אבינו לא מת — יעקב אבינו איז ניט געשטארבן. די גמרא פרעגט אפילו דאָרטן: וכי בכדי ספדו ספדיא וחנטו חנטיא? — האבן דען די הספּדים מאכער סתם אזוי געקלאָגט און די באַל־זאמירער באלזאמירט? ענטפערט רבי יונתן: איך דרינג עס ארויס פון א פסוק (ירמיהו מ״ו) און מה זרעו בחיים אף הוא בחיים — אזוי ווי מיר, זיינע קינדער, לעבן אייביק, אזוי לעבט אויך ער אייביק. דער תנא האט דאָ אויסגעדריקט די באציאונג אונזערע צו יעקב׳ן, אין וועמען מיר זעען ממש אויף טריט און שריט, פון זיין געבורט ביזן טוידט, דעם געשיכטלעכן גאנג פונם אידישן לעבן.

טעות הדפוס קארעקטורן

איף זייט 48 דארף די לעצטע שורה זיין מיט 2 העכער

זייט 45 פארענדיקט מיט אן איבריקן ווארט

זייט 60 זיינען די 2 לעצטע שורות איינע פאר דער אנדערער